STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07254

SHABES

Selig Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שבת

פון זעליק העללער

זעליג העללער

שבת

אַרײַנפיר

פון

ד״ר שלמה גאלדמאן

צייכענונגען פון דוד בעקער

מיט דעם אָנטייל פון חיים נחמן ביאַליק צווייג א. נ. א. פ.
שיקאגע

"SHABBOS"

by

SELIG HELLER

Copyright, 1952, by
SELIG HELLER
166 West Jackson Blvd.
Chicago 4, Illinois

Printed in U. S. A.

INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
3138 West Roosevelt Road — Chicago

557

זעליק העללער

געצייכנט פון ענריקאָ גליצנשטיין

אַ האַרציקן דאַנק:

●

דעם זייער חשובן, טיף־געלערנטן, און ליבן מענטש, דער מנהיג רוחני — **דר. שלמה גאָלדמאַן,** פאַר זיין באמת וואונדערלעכן אַריינפיר צו מיין ליד „שבת".

ער האָט אין זיין פילאָזאָפישער עסיי אויס־געדריקט דעם זעלביקן הויפט געדאַנק וואָס איך האָב געהאַט אין זינען דורך דער גאַנצער צייט וואָס כ'האָב דאָס ליד געשריבן.

●

דעם זעלטענעם העברייאישן פּאָעט, נאָוועליסט און איבערהויפט דעם האַרציקן מענטש — **שמעון האַלקין,** וועלכער האָט חבריש מיך אויפ־גענומען און מדריכדיק דערמוטיקט צו שעפע־רישקייט.

●

דעם קינסטלער פון קאָליר־קאָמבינאַציעס — **דוד בעקער,** וועלכער האָט אויך, אין זיינע צייכענונגען צו מיין בוך, אַרויסגעבראַכט די נשמה יתרהדיקייט אין דער לויטערסטער באַלייכטונג פון שבת־קודשדיקייט, און סימבאָליש קאָמענ־טירט דעם נוסח פון מיין ליד.

●

מיין חבר און קאָלעגע — **בן שלום,** פאַר די אויסגעצייכנטע־געצייכנטע אותיות זיינע.

זעליק העללער

לזכרון דיר, מאַמע מיינע, שיינע בת ר׳ יהודה הדיין זצ״ל

•

אַ מאַמע מיינע! איך שטעל אַ מצבה דיר אויף קברלאָזן אָרט!
ניט פון מירמלשטיין, ניט פון גראַניט; זיי וואָלט אפשר גאָר די צייט,
צי די האַנט פון וואַנדאַל, הפקרדיק צעשטויבט אין פאַרגעסנהייט,
כ׳שטעל אַ מצבה דיר מיט ליד, מיט לשון־קודש־יידיש־וואָרט.

דיין אַלטער גוף האָט זיין גסיסה אויסגעהויכט ביים יסורים־ראַנד
פון טרערן, בלוט און טויט. דיך, מאַמעלע, מיט אַלע פון מיין שטעטעלע צעגלייך
האָט האַרצלאָז, אכזריותדיק, אַ מערדער־פאָלק פון „דריטן־רייך״,
אין קרעמאַטאָריעס לעבעדיק פאַרברענט. וועלט! ברען זיך אין דיין שאַנד!

מאַמע מיינע, כ׳האָב אויסגעזונגען אַ געזאַנג פון דיינע־מיינע קינדער־יאָר, —
ליד פון שבת־קודש, קרוין פון אַלע טעג, אָט דער טאָג וועלכער האָט
אין אַ פרינצעסין דאַן פאַרוואַנדלט דיך, אין אַ שיר־השירים־טרוימען־לאָר.

ס׳האָט זיך אין זכרון מיינעם אײַנגעקנאָטן דיין פרום־לויטערדיקער טראָט
צו די בענטשליכט. — זאָל מיין ליד אַ יזכור זיין נאָך אַ קדושים־דור,
און מיט זיי צעזאַמען זאָל דיין נאָמען אייביק לויכטן: ווי אַ ליכט פון גאָט —
אמן ואמן!

מאַמע מיינע

געצייכנט פון דוד בעקער

প্রথম অঙ্ক

**
*

מיר ווען אָנהויבן דעם „אריינפיר" מיט אַ ציטאַט פון חומש. אין ספר שמות שטייט געשריבן: „געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין גאָט, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דיין פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן. ווארום זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין זיי, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דרום האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און האָט אים געהייליקט".

נו, וואָס האָבן די יידן נישט געמאַכט פון דעם שבת! אַז איר ווילט, איז דער שבת אַ צייכן פון דער יצירה פון דער וועלט און די התגלות פון דעם יידישן פאָלק. אַז איר ווילט איז דער שבת דער חותם פון דער געטלעכקייט.

דער שבת איז די גאַנצע תורה: עס איז יידישקייט, עס איז דאָס יידישע פאָלק, די התגלות פון דעם יידישן גייסט. ווען יידן זאָלן אָפּהיטן צוויי שבתים, ווי דער דין טאַקע פאָדערט, וואָלטן זיי באַלד אויס־געלייזט געוואָרן און עס וואָלט אַ סוף געוואָרן פון גלות, אַ סוף פון קנאה, שנאה; עס וואָלט שלום געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט און דער מענטש וואָלט דעמאָלט גערוט, פונקט ווי דער בורא האָט גערוט אינעם גאָר־גאָר ערשטן שבת.

וואָס אייגנטלעך איז דער שבת? — דער שבת איז אַ פֿאָר־טעם פֿון עולם הבא; דאָס איז דער גרויסער אויפטו, די גרויסע אויסשטראַלונג פֿונעם זשעניע פֿון אונדזער פֿאָלק. אָבער שבת איז ניט סתם אַ רו־טאָג, ער איז פֿיל מער ווי דאָס: שבת איז דער צייכן צווישן גאָט און זיין פֿאָלק פֿאַר אַלע דורות. עס איז די עקזיסטענץ פֿון פֿאָלק ישראל. אין שבת ליגן צוויי באַדייטונגען — אַ רו פֿאַר דעם גוף און אַ רו פֿאַר דער נשמה. שבת נעמט דעם יידן אַרויס פֿון דער קערפּערלעכער טומאה און פֿירט אים אַריין אין אַ וועלט פֿון כולו רוחניותדיקער קדושה.

צוליב דעם האָט זיך טאַקע משה רבינו אַזוי געפֿרייט מיט דעם חלק, וואָס מען האָט אים צוגעטיילט, אַז דורך אים זאָל געגעבן געוואָרן איין טאָג אין יעדער וואָך, ווען דער ייד פֿילט זיך עולם הבאדיק.

איז עס דען אַ וואונדער, אַז מען האָט וועגן דעם שבת אַזויפֿיל געשריבן און מען שרייבט נאָך עד היום הזה?

דער שבת איז דאָך אַזוי שיין! עס זינגט וועגן אים יעדעס יידיש־בענקנדע האַרץ אויף טויזנטער פֿאַרשיידענע אופֿנים און ער ווערט מע־לאַדירט פֿון הונדערטער פּאָעטן און באַזינגער אַזוי נשמהדיק און מלכות־דיק!

דער שבת פֿאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפֿטן צו דערהויבן, און ער ציט קדושהדיק צו זיך יעדן יידישן ייד, און נאָך מער:

„אָפּגעפֿרעמדטע — זיי אַפֿילו
איז נאָך ליב די שבת־שעה.

„ס׳רופֿט און וועקט די „אָפּגעפֿרעמדטע״
דער געהיימער — „ניט פֿאַרגעס!״
אָט דער ווייטער רוף פֿון דורות
איז פֿון אונדזער זיין — דער נס!״

שבת איז אַ כּלה, שבת איז אַ פּרינצעסין און שבת איז אַ געליבטע, וועלכע שאַפֿט, באַצויבערט און פֿאַרחלומט העכערע וועלטן.

ניין, מען קאָן זיך ניט העלפֿן: זי איז דער קוואַל פֿון התרוממות און זי רעגט מיט איר אידיליעשן חן, און זי מאָנט און בעט, אַז מען זאָל וועגן איר שרייבן.

נו, ס'איז דאָך אַ גאַנץ באוואוסטער כלל, אַז שרייבן צו שרייבן איז ניט אַלעמאָל גלייך.

קומט איצט אונדזער באַליבטער שיקאַגער פּאָעט, זעליק העללער, און ברענגט צו דעם שבת נישט נאָר זיין פּאָעטישן טאַלאַנט און נישט נאָר זיין אייגענע נשמה־יתרה, נאָר אויך די גרויסע נשמות יתרות פֿון שבת־קודשדיקע דורות, מיט יידישער הייליקער טראַדיציע, מיט יידישע גייסט־רייכטימער — אָבער, איבערהויפּט, די נשמות פֿון די טייערע, תמימותדיקע, האָרעפּאַשנע, פֿאַרדאגהטע און פֿאַריאָכטע פּשוטע יידן, פֿון „עמך" אַליין.

די נשמה פֿון דער באָבען, אָנגעטאָן אין איר ווייסער זיידענער פּאַטשיילקעלע, ריין און ציכטיק ווי איר נשמה אַליין. די נשמה פֿון דעם זיידן, מיט דער יאַרמאָלקע אויף זיין גרייז־גרויען קאָפּ, וואָס האָט חנעוודיק באַשיינט זיין הדרת־פּנימדיקן אויסזען. אָט די צוויי אַלטיטשקע, וועלכע האָבן מיט גרויס חדווה, איינגאַנצן אויסגעטאָן פֿון חול, מקבל געווען דעם שבת און היפּש געהאָלפֿן איבערצושאַפֿן דעם שבת אויף דאָס ניי אַזוי, אַז דער שבת ווערט וואָס ער איז געווען — דער תוך פּונעם „יהי אור!"

די נשמה פֿון דער מאַמען און פֿון טאַטן, אין מאָמענטן פֿון שבת־דיקער אויפֿשטראַלונג, אין שעה פֿון לעבעדיקער קרובהשאַפֿט מיט די אבות און אמהות, אין דער אויסטערלישער משפּחה פֿאַרקניפּונג, דער יסוד פֿון דער יידישער פֿאַמיליען־לעבן, פֿון וועלכן ס'איז אַרויסגעוואַקסן דער לעבעדיקער גלויבן אין דער שטענדיקייט פֿון גייסט אין זיין גאַנצער געשיכטע פֿון קיום וואָס קיין אומה ולשון קאָנען ניט אומברענגען. דאָס אַלץ ווערט איבערגעפֿורעמט פֿון דאָס ניי אין זעליק העללערס שיר.

די גרויסקייט פֿון דעם שיר, וואָס ליגט דאָ פֿאַר דעם לייענער, באַשטייט אין דעם, וואָס דער פּאָעט אַליין אין אַ שבת־יום־טובדיקער ייד, דערפֿאַר האָט ער פֿאַרשטאַנען און געפֿילט, אַז קיין מזמור ליום השבת קאָן ניט זיין ווירקלעך און ווירקזאַם אויב ס'ווערט נישט אַ שטיק לעבן;

אויב ס'איז ניט פאַרקנסט און פאַרזיווגט מיט דעם, וואָס דער ייד האָט דורכגעחלומט און דורכגעלעבט אין משך פון זיין לאַנגער געשיכטע — אַלס גאָטס אויסדערוויילט פאָלק.

יאָ, דער פּאָעט, זעליק העללער, פירט אונדז אַריין אין דעם סאַמע לפני ולפנים פון דער אַמאָליקער יידישער היים, ער שפינט די ציצות־דיקע פעדים פון דער פּאַטריאַכאַלישער, טראַדיציאָנעלער הייליקייט פונעם מיסטעריעזן משפחה־לעבן; עס שיינען, ווי דימענטענע זיילן, מיט אַלערליי קאָלירן, די הייליקע שבת־ליכט, עס שמעקן די מאכלים מיט ריחות פון אַלערליי בשמים. איבערן גאַנצן שטוב הויכט די שכינה, אַלץ זינגט, אַלץ זאָגט הלל — די געטלעכע שיינקייט שיינט און עס ווערט שמחה וחדווה אין אַלע ווינקלען פון זיין היים, דער ייד ווערט אויסגעלייטערט, דערהויבן, דאָס איז דער סוד פון זיין סודותפולן אויסדויער און איבער־קומען אַלע גזירות, דעם עמק הבכא פון שנאה, פון רדיפות, פון וואַגלעניש און פּלאָגעניש און דווקא אַזוי ליב האָבן און קלאַמערן זיך צום לעבן!

דעם שבת מוז מען זען ווי ער וואָלט געווען אַ באַשעפעניש מיט רמ"ח אברים און שס"ה גידין.

מען מוז קאָנען דעם שבת זאָגן: שלום עליכם! מען מוז אים קאָנען אָנרופן באַם נאָמען, זען זיין גאַנצע תמונה, ווי ער קוקט באמת אויס: אפשר איז ער בלאַס, אפשר, חלילה, פאַרצערט און מיד.

אָבער וואו קאָנט איר אים אַזוי זען? אין חומש? אין דער גמרא? אין שולחן ערוך? אין אַ כוס מיט ווייַן? יאָ, אָבער דאָס איז ניט גענוג.

דעם שבת מוזט איר זען אין דער מאַמעס ליכטיק פנים, אין דעם טאַטנס התלהבות, אין די פאַרחלומטע פנימלעך פון די קינדערלעך, וועל־כע זיצן סטאַטעטשנע אַרום שבת־טיש און שטעלן אָן זייערע צאַרטינקע קולכעלעך צו דעם „כל מקדש".

ווילט איר זיך אָוועקזעצן אַט בײַ אַזאַ טיש און זיך פילן היימיש? ווילט איר אויך ווערן אָנגעגליט מיט אַט דעם קדושה־פלאַם? שפירן די פולקייט און עשירות פון ידישן לעבנס־שטייגער? אין אַנדערע ווערטער — ווילט איר באמת ווערן אַן אייגענער און ניט קיין „פרעמדער"? טאָ זייט מוחל און לייענט זעליק העללערס פּאָעמע „שבת".

אַלע דורות װעלן זיך מיט אײַך דאַן אָװעקזעצן. און אָ, װעלכע געסט און מקורבים ברענגט ניט דער פּאָעט אַהער, צו אָט דעם שבתדיקן טיש?!

פֿילט איר זיך אפֿשר אַביסעלע מאַיעסטעטיש און קרוב למלכות און איר װילט נישט מער און װײניקער װי זען, פּנים אל פּנים, אַן אמתן מלך, א מלך — ביפיו? טאָ זעט! אָט שטײט פאַר אײַך דוד המלך אַלײן. אָבער אין העלערס „שבת" שטײט ניט, סתם דוד, ער שטײט מיט זײַן פֿידעלע און שפּילט פֿאַר אײַך אַ ניגון. און װען זײַן פֿידעלע צעשפּילט זיך, דאַן זעט איר ממש װי די כרובים פֿון הימל באַגלײטן אים אויף זײַ־ערע האַרפֿן, עס טראָגט זיך אַ געזאַנג פֿון די עולמות עליונים, דער געט־לעכער־אַלװעלטלעכער „מזמור שיר ליום השבת!"

בענקט זיך אײַך נאָך אַ נביאותדיקן װאָרט? נאָך דעם ברױזנדיקן, שטור־רעמדיקן און צו דער זעלבער צײַט דעם „נחמו עמידיקן" װאָרט פֿון טרײסט און גאולה, דעם גרויסן באַלױכטער און קאָלאָסאַלן אַרכיטעקט פֿון דעם אוניװערסאַלן „באחרית הימים", טאָ קוקט זיך אַרום: באַם טיש, באַם װעלכן איר זיצט, געפֿינט זיך איצט בן אמוץ, און אַרום אים די שרפֿים, װעלכע שטײען נישט דװקא פֿאַר דעם בורא־עולם, נאָר פֿאַר דעם טאַטן און דער מאַמען און פֿאַר דעם שבת װעלכן זײ האָבן אין אָט דער הײליקער שעה אײַנגעלאַדן צו זיך, אין שטוב אַרײַן, און זײ אַלע צוזאַמען זאָגן: „קדוש! קדוש!" און מיר הערן, צוזאַמען מיט דעם פּאָעט, װי:

שבת! שבת! זינגט דער הימל
און די ערד — זי זינגט אויך מיט:
שבת! שבת! גאָט, דו גרויסער!
האָסט אונדז אין אַ בונד געשמידט."

אײניקע פֿון די חז"ל װילן האָבן, אַז די שבת אינסטיטוציע איז נאָך עלטער פֿון מתן תורה, והא ראיה: אין די עשרת הדברות װערט דער שבת־געבאָט אויסגעדריקט: „דו זאָלסט געדענקען דעם שבת אים צו הײליקן". לויט דער מסורה, איז דער שבת אײַנגעפֿירט געװאָרן בײַ ייִדן פֿיל יאָרן פֿאַר דער גאולה אין מצרים, װען משה, װעלכער איז דעמאָלט געװען אַ יונגער פּרינץ אין פּרעהס הויף, האָט אויסגעװירקט בײַ דעם טיראַן, אַז ער זאָל געבן די ייִדן אײן טאָג אַ װאָך, כדי זײ זאָלן זיך קאָנען אויסרוען

און זאַמלען כוחות צו שאַפֿן מער אַרבעט די אַנדערע זעקס טעג פֿון דער וואָך. פּרעה האָט משהס עצה געפֿאָלגט. משה האָט מתקן געווען דעם טאָג שבת.

זיין העכסטע קדושה אָבער האָט דער שבת באַקומען ווען ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין די עשרת הדברות. ער איז דאַן געהייליקט געוואָרן פֿון צוויי מאָטיוון — אַ רעליגיעזן און אַן עטישן.

דער יידישער געניוס האָט דעם שבת מקבל געווען ווי אַ טייערן אוצר. ער האָט אין אים אַריינגעפֿלאָכטן דעם גאַנצן מהות פֿון זיין נשמה. ער איז געוואָרן דער חותם צווישן אים און גאָט, דער יסוד פֿון יידישן קיום־רעזערוו, די גרונט־אידייע פֿון זיין געשיכטלעכער רעאַליטעט, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט אים דורך אַלע גלותן. ס'איז געוואָרן די פֿאַרזיכערונג פֿון זיין קיום פֿאַר אַלע דורות עד אחרית הימים.

ס'האָט ישעיהו הנביא געזאָגט: „און דו וועסט רופֿן דעם שבת אַן עונג, וועסט זיך קוויקן מיט גאָט און איך וועל דיך אַרויפֿזעצן אויף די הויכן פֿון דער ערד". און דער שבת האָט דעם יידן געגעבן אָט די גייסטיקע גבורה צו דערהויבן זיך צו העכערע וועלטן, אין שבת האָט דער ייד דערפֿילט „דעם טעם פֿון אַ זעכציקטן טייל פֿון גן־עדן", דער טאָג פֿון שבת איז יום־גאולה. שבת איז דער טאָג ווען דאָס הימלישע מיטן ערדישן קומען אין קאָנטאַקט און זיינען זיך מתחתן:

„ערד און הימל טוט אַ שידוך
יעדן פֿרייטיק אויף דער נאַכט:
גאָט איז דער מסדר קדושין,
ער אַליין — די ברכה מאַכט".

דער שבתדיקער ייד טראָגט אין זיך די קדושה, ער ווערט דאָס הארץ פֿון דער וועלט, ער האָט אין זיך אלהות, ער איז באַהויכט מיט דער געטלעכער בענקשאַפֿט, די בענקשאַפֿט פֿון דעם אייביקן קוואַל פֿון „תורה עבודה", פֿון מצוות, פֿון מעשים טובים, וואָס פֿלייצט פֿון עזרא און נחמיה צוזאַמען מיט דעם כנסת הגדולה און די תנאים און אַמוראים, פֿון דער תורה שבעל פּה צו דער תורה שבכתב, וואָס האָט אָנגעצייכנט אונדזער וועג פֿון ברית אברהם ביז משיחס צייטן.

אַט די טרעגער פֿון יידישן גייסט האָבן אויסגעפּלאַסטערט דעם יידנס אמונה־וועג און אין זייער זכות איז ער געוואָרן דער עם הנבחר. זיי האָבן אין אים אַריינגעבלאָזן דעם רוח היהדות, זיי האָבן אים אויסגעלערנט צו האַלטן די אויגן געווענדט צו גאָט, זיך פֿילן אין דער בחינה פֿון אַ קרוב אין היכל פֿון מלך הכבוד:

„ווער פון אים איז שענער, רייכער,
ווער פאַרמאָגט אַזאַ געגנוס?
וועמען מער האָט גאָט געהייליקט,
ווער איז זוכה צו דעם זכות?"

און ווען מיר ריידן וועגן אָט דער יידישער אויסגעווייילטקייט, פֿון אָט דעם זכות, ווילן מיר אויך באַטאָנען אין דער זעלבער צייט, — אַז אונדזער „אתה בחרתנו" איז נישט אויף צו גרויסן זיך, צו קוקן אויף אַנדערע פֿון אויבן אַראָפּ, גרויסן זיך פֿון דעם אייגענעם יחוס — ניין! נישט דאָס איז דער זין פֿון אונדזער אויסגעווייילטקייט, נור, אדרבא, ס'איז אַ גרויסער חוב, הייליק און גרויס, ס'איז נישט קיין פּריווילעגיע, נאָר אַ שווערע, מוראדיקע התחייבות, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען. אונדזער אויסגעווייילטקייט איז ליידן, מסירת נפש, אונטערגעוואָרפן צו דער שטרענגסטער דיסציפּלין פֿון דינים פֿון לעבעדיקע מעשים, מיר זאָלן לעבן לויט די פּרינציפּן פון ליבע, רחמנות, יושר, קדושה און טהרה. אונדזער אמתע שליחות באַשטייט אין דעם, צו ווערן, אויך מיט אַנדערע פעלקער, אייביקע טרעגער פֿון אַלע העכסטע און שענסטע שטרעבונגען און צו דערזעלבער צייט דער לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער וועלט און אונדזער אייגענער וועלט, מיט איר טומאה און פינצטערע שנאה.

און ווען מיר זאָגן, אַז דער שבת איז די מיסטישע באַהעפטונג צווישן כנסת ישראל און גאָט, מיינען מיר די גרויסע לערע פֿון דער דערקענטעניש פון גאָט, דעת ה' איז אַ יידישע, און געשיכטלעך גענומען, אינגאַנצן אַנדערש פון אַלע אַנדערע אַלטע פעלקער. די יידן, די איינציקע אין דער אַלטער וועלט, איז אַנגעפּאַרטרויט געוואָרן דעם איין־און־ציקן וועלט־גאָט, ברענגענדיק פאַר דעם אומגעהייערע קרבנות. דאָס האָט זיי געגעבן דעם ריזיקן גייסטיקן כוח, פאַרשטאַרקט זייער „נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט", דעם וואָפן פון בטחון אין זייער פיל טויזנט־יאָריקן קיום.

דער געבאָט פֿון שבת איז די חשיבות פֿון זיין לעבנס־פֿיר, דאָ איז, וואו גאָט און ייד פֿאַלן צענויף. דער שבת פֿאַרענטפֿערט: „די־עליה״, ער סימבאַליזירט דעם יידנס מענטשלעכסטע דערהויבונג.

שבת פֿאַרמאָגט דעם כוח אַרויסצוכישופֿן דעם „פֿאַרשאָלטענעם פּרינץ״ פֿון זיין הינטעש לעבן און אומקערן צוריק צו זיין פּרינצלעכער געשטאַלט, ווי היינריך היינע האָט עס אויסגעדריקט אין זיין באַרימט ליד „פּרינצעסין שבת״, ווי זעליק העלער זינגט אַרויס אין זיין השתפּכות הנפשדיקער פּתיחה״!

„שלמה גבירול, אבן עזרא,
יעדער דיכטער מיט זיין שבת;
אַלע זינגען צו דיר שירה,
אומעטום — אויף יעדן שליאַך.

„היינריך היינע האָט באַקומען
תּיקון דורך זיין „שבת־ליד״:
מיד פֿון בענקשאַפֿט, זיין נשמה
ווײַנט זיך אויס, ס׳ווײַנט אַ ייד!״

יאָ, שבת איז די נשמה פֿון דעם כּלל ישראל און פֿון יחיד בישראל. שבת מאַניפֿעסטירט פֿאַר דער גאַנצער וועלט דעם כבוד פֿון אונדז אַלס פֿאָלק. שבת איז דער יסוד פֿון אַלע הייליקייטן אין דעם יידישן לעבן. שבת איז דער זין און ציל פֿון זיין אייביק זיין. אום שבת הערט איר דעם נביא׳ס ווערטער: „הער, ישראל! דער אייביקער — ער איז דיין גאָט, דער אייביקער איז אונדזער אחד! האָב קיין מורא ניט, ער איז דער גאָט פֿון שבת!״

אין זעליק העללערס שיר הערט איר אָט די ווערטער נישט נאָר פֿון אינעווייניק, אין זיך, נאָר איר זעט זיי ממש אויף די פּנימער פֿון די בני־בית. דייטלעך ריידן דאָס צו אייך די אָנגעצונדענע ליכטעלעך און איר קאָנט עס גאָרנישט פֿאַרשטיין און תּופֿס זיין: אָט די ליכטעלעך זיינען אָזעלכע נישטיקע, אַ יאָ? אָבער מיט דער מאָמעס בענטשן, מיט דעם טאַטנס קידוש און זמירות, האָבן זיי זיך אַזוי צעפֿלאַקערט, ווי דער גאַנ־

צער טיש וואַלט אַ מזבח געוואָרן, באַדעקט מיט גליַענדיקע קוילן און דער גרויסער קעמפער, דער גרויסער לערער, דער פּאַסטוך, רחלס געליבטער, בר כּכבאַס בעל־יועץ, עקיבא בן יוסף אַליין און מיט אים אַלע הלכה ריזן, דערשייַנען ווי לעבעדיקע פאַר אייַערע אויגן און ציִען זיך פון געטלעכן פּלאַם אין הימל אַריין, צום כּסא־הכבוד. אָט די קליינינקע בענטשליכטע־לעך צינדן זיך שכינהדיק, גאָטס ליכט שייַנען אין דער שבתדיקער שטוב.

אַ חלום פירט אייַך אַוועק צו דער גאָלדענער עפּאָכע פון מיטל־אַל־טער, צו דער אַלטער שפּאַניע, איידער נאָך פערדינאַנד און איזאַבעל האָבן פון איר געמאַכט אַן אויטאָ־דע־פע. אָט אין יענער שפּאַניע זעט איר ייִדן, גייסטיקע גיגאַנטן, שפּאַצירן אויף אירע גאַסן. די פיס — אויף דער ערד; די קעפּ זייערע — הויך אין די הימלען. אָט גייט די כּנופיה: רבי שמואל הנגיד, רבי שלמה אבן גבירול, משה אבן עזרא, ר׳ ידעיה הפניני, און צווישן זיי די טראַגיש־העראָאישע פיגור פון דעם „פּרינץ פון פּאָעטן", אים, דעם גרויסן באַלויכטער פון טרייסט און גאולה, — רבי יהודה הלוי, און איר הערט זייַן פּראַכט־געזאַנג וואָס ער האָט געזונגען מיט אַזאַ עק־זאַלטאַציע צום שבת, זייַן התפּעלותדיקן זמר צום שבת.

אָט דאָס זייַנען די אושפּיזן אין דער ייִדישער היים וואָס זייַנען גע־קומען לכבוד שבת און דאָס זייַנען אויך די אושפּיזן אין זעליק העללערס שיר „שבת", ווען דער „ייִד־פּרינץ" שלאָפט אייַן און ער זעט אין זייַן חלום:

„אַלע ריזיקע געשטאַלטן
גייען איצטער דורך זייַן טיר:
דוד שפּילט פאַר אים אַ ניגון,
רבי עקיבא זאָגט אַ שעור.

כּמה דורות מיט צדיקים
טרעטן איבער פרום זייַן שוועל;
זייער קדושהדיקע תּפילה,
צערטלט מאַמעדיק זייַן זעל."

די ממלכת שמים ווערט פאַרן ייִדן אַ ווירקלעכקייט, עס באַלויכט אים און באַזעלט אים מיטן אור הגנוז, מיטן אינערלעכן שייַן פון לויטער

קדושה, און ווערט איבערגעפֿורעמט פֿון דאָס ניי, אַ גרייטער פֿאַר דעם „לעתיד לבוא" פֿון דעם יום שכולו שבת.

די פֿרייטיק־צו־נאַכטיקע סעודה איז ניט קיין גשמיותדיקע זאַך. עס האָט אַלע טעמים פֿון אהבת המשפחה און טהרת המשפחה. די ליבע מאַמע איז נישט בלויז אַן „אשת חיל", אַרום איר שטייען די אמהות: שרה, רבקה, רחל און לאה וועלכע העלפֿן איר צוגרייטן די מאכלים „טעם גן־עדן־זיס" און בלויז נאָך אַזאַ סעודה, נאָכן בענטשן און נאָך דעם אויס־געזונגענעם שיר השירים, קאָן זיך דער „פּרינץ פֿון שבת" פֿאַרגינען איינ־צודרעמלען בשלווה און:

„אויף די פֿליגל פֿון אַ חלום
שלאָפֿט אַ פּרינץ אין זיסער רו;
אים צוקאָפּנס שטייט די שכינה,
שטייט הקדוש־ברוך־הוא!"

**
*

קאָנט איר דאָך אפֿשר מיינען, אַז אָט דער גרויסער שיר באַנוגנט זיך בלויז מיט בילדער, מיט שילדערונגען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, איז אויב איר דענקט אַזוי, מאַכט איר אַ טעות. אָט דער פּאָעט אונדזערער, העללער, האָט אין דער פּאָעמע זיינען אַרויסגעבראַכט הויכע און טיפֿע געדאַנקען, פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַ יידישע וועלט־אַנשויאונג.

העללערס פּאָעמע מאָלט דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, און, צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט — אויב איר פֿאַרשטייט נאָר — ווייסט איר, אַז דאָס יידיש פֿאָלק אַלס אַזעלכעס, איז אַ שטיק פֿילאָזאָפֿיע, טאַקע אַ מע־טאַפֿיזיק. מען זאָגט, אַז מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין סאָקראַטעסן, אַ פּלאַטאָן, אַן אַריסטאָטעל, און לאָמיר צוגעבן, אַז דאָס איז אמת. אפֿשר זיינען גערעכט אָט די דענקער־קריטיקער וואָס זאָגן, אַז דער רמב"ם, סעדיה גאון, שלמה אבן גבירול, דער רלב"ג, חסדאי בן יצחק אבן שפּרוט, חסדאי קרשקש און די אַנדערע יידישע געלערטע אינעם מיטלאַלטער, אַז אָט די אַלע מערקווירדיקע יידישע דענקער און פֿילאָזאָפֿן האָבן קיין אייגענע פֿילאָזאָפֿישע שיטות ניט באַשאַפֿן, אָבער מען קאָן דאָך ניט אָפּלייקענען

זייערע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַרן רעליגיעזן ספּעקולאַטיוון דענקען. זייער גאַנצער גרונט־געדאַנק, און דער עיקר פֿון זייער פּראָבלעם, איז די אחדות הבורא. די גאָטהייט איז דער מקור פֿון ליכטיקייט און לעבן. ער, דער אחד, איז די גאַנצקייט פֿון גייסטיקן פּרינציפּ, פֿון דער גייסטיקער סובּ־סטאַנץ אין דער וועלט. קיין חילוק נישט צי מען גייט צו דערצו פֿון דעם פּונקט, אַז די וועלט איז דאָך באַגרענעצט, ווי אַ סעדיה גאון טייטשט עס אויס, צי מען לייגט דעם שווער־פּונקט אויף דער עמאַנאַציע־טעאָריע, אַז דאָס גשמיותדיקע פֿליסט אַרויס, און אַנטוויקלט זיך פֿון דעם איין גייסט, פֿון דער איינער סובסטאַנץ, ווי גבירול מיט זיין קרייז באַהויפּטן. און דער רמב״ם, אָט דער ,,איש אלהים״ ווי מען האָט אים באַטיטלט, אָט דער וואָס האָט אויסגעבויט דעם אמונה־בנין אויף אַ שכלדיקן פֿונ־דאַמענט און האָט פֿעסטגעשטעלט דעם יסוד פֿון יידישקייט אויף לאָגיקע פּרינציפּן, און טאַקע ווי העללער כאַראַקטעריזירט אים:

,,תשובות אויף די אַלע קשיות
זיינען דאָ, אין דעם רמב״ם;
אָט דער גרעסטער גייסט אין לומדות,
ער אַליין — אַ תורה־ים!״

יאָ, איז וועגן זיי ווערט געזאָגט, אַז זיי אַלע האָבן, מער אָדער ווייניקער, איבערגעניצעוועט חכמת־יון און אויסגעקריסטאַליזירט אַ סינטעז פֿון אַ יידישער פֿילאָזאָפֿישער קאָנצעפּציע. נו, מהיכא תיתי, נישט דאָ איז דער פּלאַץ אַריינצולאָזן זיך אין וויכוחים. אָבער איין וואָרט זאָל מיר דערלויבט זיין יאָ דאָ צו זאָגן, ווארום דאָס וואָרט שטראָמט דוקא פֿון דער טיפֿעניש פֿון אונדזער דיכטערס שיר, כלומר: אויב די גריכן האָבן געהאַט פֿילאָזאָפֿן און האָבן אַנטוויקלט פֿילאָזאָפֿישע שיטות, האָבן פֿילאָזאָפֿיע ליב געהאַט און גאַר־גאַר אַ סך וועגן דעם געשריבן, איז אָבער דאָס יידישע פֿאָלק גופֿא — אַ פֿילאָזאָפֿיע.

דער אַמעריקאַנער דענקער און דיכטער, ראַלף וואַלדא עמערסאָן, האָט געזאָגט אַ קלוג וואָרט: ,,דענקען איז דענקען קעגן עפּעס״; און מיר נעמען אָן דעם טעזיס פֿאַר אַ גרויסן אמת. איז טאַקע היוצא מדברינו: לעבן־קעגן טיף באַגרינדעט אויף פֿילאָזאָפֿיע.

נו, וואָס האָבן די יידן נישט געטאָן אין די עטלעכע טויזנט יאָר פון זייער לעבן, אויב נישט טאַקע געלעבט אויף צו להכעיס. וואָס איז גע־וועזן אייגנטלעך דער הויפּט יסוד, דער עיקר פון זייער גאַנצער יידישקייט? מיט וואָס האָט זיך דאָס יידישע פאָלק, ברירה צי לית ברירה, אָפּגעזונ־דערט פון אַלע אַנדערע פעלקער? וואָס אייגנטלעך איז געווען אברהם אבינו, משה רבינו, אויב נישט מענטשן, וואָס האָבן געדענקט און זייערע גע־דאַנקען זיינען געגאַנגען להיפּוך צו דער גאַנצער ציוויליזאַציע פון זייער צייט. זיי האָבן טאַקע אַקטואַליזירט דעם „דענקען־קעגן", און אַזוי אויך די דורות נאָך זיי האָבן געלעבט האַרט־נעקיק און ווירדיק, מיט אַ ריי־זיקער גייסטיקער גבורה פאַרטיידיקט זייער פילאָזאָפיע פון „דענקען־קעגן", זייער גלויבן קעגן אַ גאַנצער וועלט. צוויי טויזנט יאָר פון מסירות נפש, צעהפקרט פון טאָג־טעגלעכע רדיפות און גזירות און דאָך מיט אָט דעם גלויבן, אַז ישראל איז אייביק, זיין געשיכטע איז נצחדיק ווייל ער שטייט תמיד אויפן שוועל פון ווידערגעבורט, פון איבערבוי און באַ־נייאונג, ישראל ואריתא חד הוא טריאומפירט איבער אַלץ.

יאָ, אָט די אברהמס, משהס, הלויס און אַנדערע, האָבן זיך ניט באַ־שעפטיקט מיט דענקען לשם דענקען. זיי האָבן דעם געדאַנק נישט גע־מאַכט פאַר אַ צוועק פאַר זיך, פאַר זיי איז דאָס חקירהנען נישט געווען אַ פּוסט שפּילעווודיקער וואָרט־געפּלעכט, נאָר אַ פּועל יוצא פון פולן אויס־דרוק, פון גייסט־אויפבראויזנגען, פון אַל־מענטשלעכקייט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דענקען און לעבן, הלכה און אגדה זיינען איינע און דיזעלבע זאַך.

נעמט אַלסביישפּיל ליכט־בענטשן. דוכט זיך אַ פּשוטע צערעמאָניע, אָבער זעט וואָס פאַר אַ ווירקונג עס איבט אויס. אָט באַטראַכט נאָר די מאַ־מע: אויסערלעך — אַ פּשוטע יידענע, וואָס די גאַנצע וואָך לויפט זי אַרום אַ צעטומלטע, אַ פאַרדאגהטע, אָפּט — אַ הונגעריקע. און אָט זעט: אָט די פּשוטע יידענע טוט אויף זיך אָן אַ ריינע קלייד, אַ ווייס טיכל באַדעקט איר צעשויבערטע קאָפּ־האָר און זי, די יידענע, צינט די שבת־ליכט אָן, זי ווערט אין אָט דער הייליקער שעה פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינצעסין.

ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? פון וואַנען קומט אָט די נשמה יתרהדיקע איבערגעשטאַלטונג? וואו ליגט אָט דער סוד, די מיסטעריע פון אָט דער פאַרוואַנדלונג? איר ווילט וויסן, אַ יאָ? וועל איך אייך זאָגן: עס קומט

פֿון דעם, וואָס איר פֿאָלק און דאָס לעבן פֿון איר פֿאָלק איז — אַ פֿילאָ־זאָפֿיע. דאָס איז די ווירקונג פֿון דעם „קדשינו במצוותיך"־גייסט, פֿון דער „אויבּ נישט נאָך העכער" מדרגה פֿון צינדן גאָטס ליכט:

„אין דער ברכה פֿון ליכט־בענטשן —
וואָס פֿאַרלאַנגט זי דען פֿון גאָט?
זי — זיין דינסט — וויל רו און כוח
אָפּצעהיטן זיין געבאָט.

„אויב זי בעט פֿאַר מאַן און קינדער,
בעט זי אויך פֿאַר יעדן ייד:
„גיב מיין פֿאָלק געזונט און לעבן,
שבת־פֿרייד צעשטער אים ניט".

אַט די גאָט־ברוך־הוא אמונה, באַהויכט זי מיט בענקשאַפֿט נאָך דאָס געטלעכע. דאָס איז איר אויסדרוק פֿון איר דורשט נאָך חסד און יושר, ניט נאָר פֿאַר יידן, נאָר פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אָן אויסנאַם.

דאָס איז דער יידישער גייסט, ווי דער מדרש זאָגט ערגעץ: „די בני־ישראל איז אומעטום ליכטיק געווען, ווייל דאָס ליכט האָבן זיי אין זיך געטראָגן. דער וואָס טראָגט אין זיך ליכט, בא דעם קען עס קיינער ניט צונעמען". און מער נאָך:

„ס'מוז די וועלט געליכטיקט ווערן,
זיין געלויטערט נאָכאַנאַנד;
און אָט דער וואָס לערנט תורה,
טראָגט אַ ליכט פֿון גאָט אין האַנט!"

אוודאי איז שבת אַלץ וואָס דער פּאָעט העללער האָט באַוויזן אונדז אין זיין שיר. אָבער, ווען דאָס אַליין וואָלט געווען דער גאַנצער שבת, וואָלט דער פּאָעט אונדזערער ניט געדאַרפֿט אַזוי לאַנג אויף אים אַרבעטן און אויסדיכטן קאַרגע זיבן הונדערט פערזן, וואָס דאָס ליד פֿאַרמאָגט. ער האָט עס לייכט געקאָנט טאָן אויף עטלעכע זייטלעך. ער וואָלט זיך געקאָנט באַנוגענען מיט דער תלמודישער „כסות נקיה", מיט געשמאַקע

מאכלים, מיט דעם בעכער וויין און נאָך אַ פּאָר איינצעלהייטן. צו וואָס דאָס אַריינברייגנגען אַזויפיל בכבודיקע געסט, צו וואָס די זמירות מיטן „כל מקדש", צו וואָס דאָס געזאַנג פון „לכה דודי", און צו וואָס טאַקע דאַרף די פשוטע יידענע פאַרדעקן איר פּנים מיט אירע הענט, מורמלען, וויינען בעת ליכט־בענטשן? זי האָט דאָך, קיין עין הרע, אויסגעבאַקן וואויל גע־ראָטענע חלות, אָפּגעקאָכט אַ מאכלדיקן יויך, צוגעגרייט פיש און פלייש, אַ פלוימען קאָמפּאָט און וואָס ניט, לכבוד שבת. טאַקע, באמת אַן אשת־חיל. אַלע — דער טאַטע, די קינדער, די אורחים האָבן דאָך שטאַרק הנאה געהאַט פון איר בריהשאַפט און מי; נו, איז דאָס אַליין נישט גענוג? איז נישט דאָס אַליין — אַ שכר? צו וואָס אַלע איבעריקע צערעמאָניעס, וואָס האָבן קיין שייכות ניט מיט דעם טאָג פון רו? די גריכן האָבן עס ניט געהאַט און דער רוימישער פילאָזאָף סענעקא האָט גאַליק אָפּגעלאַכט פון אונדזערע אור־עלטערן און זיי באַשולדיקט אין פוילקייט מיט דעם, וואָס זיי פאַרשווענדן אַ זיבעטל פון זייער לעבן מיט שבת־רו.

יאָ, סענעקא איז אַ פילאָזאָף געווען, האָט פילאָזאָפיש געטראַכט און ביכער וועגן דעם געשריבן, און אָט קומט די מאַמע, אָט די פשוטע יידענע, און מאַכט אָט דעם „דענקער" פאַר אַן איינפאַכן געצן־דינער און ניט מער. און זי באַווייזט עס אַיך באַשיינפערלעך, אַז דער פילאָזאָף האָט בלויז „פילאָזאָפירט", אָבער ער אַליין איז קיינמאָל ניט געוואָרן אַ שטיק פילאָזאָפיע. איר ווייסט פאַרוואָס? ווייל זיין פאָלק, די רוימער, זיינען בטבע דאָס ניט געווען.

אויב זיין פאָלק האָט יאָ געדענקט, איז עס געווען גאָר אַן אַנדער מין „דענקען־קעגן". ס'איז געווען אַ דענקען „קעגן" לענדער, „קעגן" די אַרמייען פון אַנדערע פעלקער, ווי אַזוי מען קאָן זיי מנצח זיין, מאַכן זיי אונטערטעניק, אַדאָפּטירן זייערע מנהגים, זייערע נעמען, געדאַנקען, גע־טער, און, פאַרגעסט טאַקע ניט, אַז סענעקאס אייניקלעך האָבן דאָך אַפילו בא אונדז אַ גאָט אַנטליען. און ווען די רוימישע אַרמייען זיינען צעשלאָגן געוואָרן, האָט זיך דאָן אויך די מעכטיקע רוים אויפגעלייזט. אָבער די מאַמע מיט איר ווייס טיכעלע, מיט אירע בענטשליכט, מיט אירע האַר־ציקע ברכות, זיינען פאַרבליבן, און יאָ, — זיי לעבן נאָך עד היום און וועלן ווייטער לעבן אין די יידישע היימען עד סוף כל הדורות.

עס זיינען געווען פֿאַלן, ווען מען האָט איר ווייסטיכעלע אָוועקגע־רויבט, די ליכט ניט געלאָזט אָנצינדן. נו, איז וואָס? מיינט איר דאָך, אַז די מאַמע איז געזעסן אין דער פֿינצטער און פֿאַרשטערט דעם שבת מיט איר עצבות? ניין! די מאַמע האָט דעמאָלט מער אינערלעך אויסגעלעבט דעם שבת. אין יענער פֿינצטערניש האָט זי דורכגענומען אַ העלע ליכ־טיקייט, אין יענער חשכות האָבן די ליכטיקע שטערן מתקן געווען איר בענטשן. הויך, איבער די בלויע אויסגעשטערנטע הימלען, האָט אַ מרכבה פֿון „שׂרפֿים און אופֿנים״ איר זמירות געזונגען, אַ געזאַנג פֿון מלאכים האָבן אויסגעזונגען לכבוד איר די האָפֿענונג און חלומות פֿון איר בענק־שאַפֿט צו הויכע וועלטן, צו וועלטן פֿון קדושה, ריינקייט, ליבע און אמת. איר נשמה האָט זיך געטראָגן אויף אָדלער־פֿליגלען צו גאָטס היכל.

היוצא מדברינו: אַז די פּשוטע יידענע האָט באמת באַוויזן דער וועלט וואָס פֿאַר אַ גרויסע „פֿילאָזאָפֿקע״ זי איז געווען. די ווייסע טיכעלע אירע און דאָס ליכטבענטשן זיינען ניט געווען סתם אַ מנהג, פֿון יוצא וועגן. ניין! אַז דאָס טיכעלע האָט אַרויפֿגעלייגט אויף איר קאָפּ דעם גאַנצן תמצית פֿון דאָס לעבן פֿון איר פֿאָלק, זי איז געוואָרן דורך דעם גאָטס אַ קרובה. זי איז געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט דעם „צלם אלקים״. און די ליכט — דאָס איז געווען און איז — דער אייביקער היי־ליקער פֿלאַם, דער קדושהדיקער יהי אור! דער חותם פֿון „נצח ישׂראל״ און „ישׂראל סבא!״

אין אַז דעם ליגט דער עצם מהות און דער ווערט פֿון זעליק העללערס שיר „שבת״. יאָ, ס׳איז אַ שיר פֿון גרויס באַטייטונגספֿולקייט צוזאַמענגעהאַפֿטן מיט לויטער־קוואַליקן תוך. ס׳איז פּאָעזיע אינעם ריכ־טיקן פּשט פֿון וואָרט. די פּאָעמע פֿאַרמאָגט אומגעוויינלעכן פּאַטאָס און איז נשמהדיק פֿון אָנהויב ביזן סוף, ווייל עס דריקט אויס אונדזער פֿאָלקס־נשמה, ס׳איז אַן עסטעטישע התגלות פֿון אונדזער גאַנצן קיום. ס׳קוואַלט מיט זעלטענער מתיקות און מיט מנוחהדיקער געבענטשטער רו. ער פֿאַר־בינדט אונדז מיטן עבר און באַשטראַלט אונדז מיט לעתיד לבואדיקע חלומות. ער ווערט אונדזער שליח־ציבור און איז מתקן אונדזער זכות־אבות. אַ שפע מיט געדאַנקען ציט זיך דורך דעם ליד. שיינקייט, התלהבות, מע־טאַפֿיזיק, שמעלצן זיך צוזאַמען און גיסן זיך אין האַרץ אַריין. דער סגנון,

די קינסטלערישע פֿאָרם און האַרמאָניע מעלאָדירט מיט העכסטער פּשטות און לויטערער עכטקייט.

יאָ, ער האָט פֿאַר אונדז אויסגעזונגען די אור־אייביקע בענקשאַפֿט פֿון דורות און פֿלעכט אונדז אַריין מיט נייע רינגעלעך אין דער גאָלדע־נער קייט פֿון אונדזער קיום און המשך. אַז איר לייענט אָט דעם שיר:

„ווייסט מען ניט וואָס וואַרעמט מערער:
דאַוונען, צי דאָס בליץ־געלויכט?
ס׳איז התגלות, פֿרייד פֿון לעבן,
לויטער קדושה׳דיק באַהויכט!"

העלער ווייסט אפֿשר, אַז ס׳איז שווער צו פֿאַרבינדן דעם איבער־געריסענעם פֿאָדעם פֿונעם עבר מיטן היינט, ער וויל דעם חיות און אי־בערלעבונגען פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות פֿאַראייניקן מיטן היינט, אויס־שמידן אַ רינג אין דער קייט און אָפּפֿרישן דאָס יידישע לעבן פֿון אַמאָל, רעאַליזירן זיין התלהבותדיקן רוף:

„קומט אַהער, איר הלל, שמאי,
זעט נאָר וואָס איר האָט פֿאַרזייט:
דורות־צענדליקער פֿאַרגאַנגען,
תורה־רינג — אַן אייביק קייט!"

ער האָט אָבער איין זאַך יאָ אויפֿגעטאָן מיט זיין שיר, ער האָט בשלימותדיק און עמאָציאָנעל אַריינגעוועבט אונדז אין דער נשמה פֿון שבת־קודשדיקייט, אַריינגעהאַרצט אין אונדז די שייכותן וואָס קניפּן אונדז צום אַמאָל:

„שיינער חלום פֿון מיין יוגנט,
גאָטס געשאַנק פֿון פֿרייד און גליק;
ווען איך טראַכט פֿון דיר, אָ, שבת!
ווער איך ווי אַ קינד צוריק."

**
*

די גאַנצע פּאָעמע איז אַ פּאַנאָראַמע געמעלן פֿון אַן אינספּירירטן קינסטלער. ס׳איז ניט איין בילד, נאָר אַ שלל פֿון כל־ערליי בילדער. דאָס בילד פֿון פֿרייטיק צו נאַכט, די שול, פֿרייטיק צו נאַכט באַ קבלת שבת, די משפּחה באַם שבתדיקן טיש, דער דרויסן באַ דער נאַכט מיט די שטערן און די לבֿנה; דער דרויסן שבת, כאור הבוקר, דער שול־הויף, שבת בייטאָג נאָכן דאַוונען, בעת יידן האָפּערדיק גייען אַ היים. דער שבת־צונאַכט מיט זיין גאַנצער עצבֿות, צער און טרויער, ווען דער שבת פֿאַרלאָזט דעם יידן, א. א. וו. א. א. וו. ס׳איז דאָ אַ תשק צו ציטירן פּערז נאָך פּערז; יאָ, ס׳בעט זיך ממש דאָס צו טאָן. אַזוי רייך אין בילדער און געמאָלעכץ איז דער שיר. סאַראַ וואונדערלעכע קאָנווע, אויסגעהאַפּטן ביז די קלענסטע דעטאַלן. דער גאַנצער שיר איז אויסגעצירט מיט שבת־יום־טובדיקע אָר־נאַמענטן. אַלץ האַרמאָנירט ווי אַ סימפֿאָניע.

זעליק העללער האָט אין זיין פּאָעמע געשאַפֿן די סינטעזע פֿון דעם פֿאָלקס עבֿר, הווה און האָט אַ צונד געטאָן די שטערן פֿונעם יידישן הימל מיט האָפֿענונג, מיט דעם גרויסן חלום פֿון בטחון. ס׳איז אַ שיר פֿול מיט רוחניותדיקייט, אַ געזאַנג צו דער אייביקער גלאָריע פֿון יידישער גלויבי־קייט אין אַ ליכטיקן טאָג.

עס פֿולסירט די בענקשאַפֿט פֿון יידן, פֿונעם קידוש ביז צום שטילן געזאַנג שבת בין־השמשות, פֿאַר הבדלה. קיינער פֿעלט ניט, אַלע זיינען דאָ: די אבֿות און די אמהות, דער שיר השירים־פּאָעט, דער תהלים־זינ־גער, די תנאים און אַמוראים, די גאונים און די רביים, און דערהויפּט זעט זיך אָן דער בעל־הבית פֿון אָט דער שבתדיקער שטוב און טיש און ער איז עס אפֿשר דער „באַלעבאָס״ פֿון דער גאַנצער וועלט! וואָרום ווער טאַקע איז אַזאַ גייסטיקער עושר־אַדיר ווי דער ייד איז — ביום השבת קודש ?!

**
*

איינמאָל, אַ פֿרייטיק־צו־נאַכט, האָט זיך דער רבונו של עולם, בכבודו ובעצמו, פֿאַרבענקט נאָך אַ יידיש־שטוב און ער האָט פֿאַרלאָזט זיין סאָ־

פּירישן־טראַן, זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון זיין זיבעטן הימל, פֿון זיין הויך, און שטיל, אומבאַמערקט, אַריין אין אַט דער שטוב וואו זעליקס משפּחה האָט דאַן אויפגענומען דעם שבת. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע, און מיט טיפער ליבשאַפט געקוקט אויף די בני־בית. באַטראַכט די היי־מיש־שבתדיקע סביבה, דעם פּוץ און ציר פון יידנס מלוכהשער גדולה פון שבת־טיש. די געשטייגערטע פייערלעכקייט פון שמחה של שבת. מיט געטלעכער ליידנשאַפט זיך איינגעהערט צו זייערע באַטעמטע קלאַנגען פון „כל מקדש״. זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם קליינעם זעליקן, וועלכער האָט מיט קינדערשער באַגייסטערונג און פליס מיטגעזונגען דעם מזמור. האָט ער, דער כביכול, אַ וואונק געטאָן צו אים און אין שטילן פליסטער אים אָנגעסודעט אין אויער אַריין דעם עשרת הדברותדיקן געבאָט: „זכור את יום השבת!״ און פאַרצייכן עס, מעמאַריזיר עס און שטאַלטיק עס אויס ווי דו האָסט עס דורכגעלעבט אין דער גאַנצער שיינקייט. ר׳ זעליק האָט זיך ניט געקאַנט העלפן און קוים דורכגעוואַרט ביז דעם מוצאי־שבת, ווען ער האָט דערזען אויפן הימלישן געוועלב די דריי שטערן, וואָס דער, וואָס האָט צו אים געוואונקען, האָט באַשאַפן, האָט ער נאָכאַמאָל דערהערט דעם סודותפולן בת־קול. זעליק האָט דעם געטלעכן באַפעל און די שליחות אויסגעפילט. ער האָט דעם שבת־שיר אָנגעשריבן. אמת, ער האָט אויף דעם שיר געאַרבעט יאָרן־לאַנג, אָבער ער האָט, לויט מיין מיינונג, דער־גראַכט די פאָעמע צו פּערפעקציע, מיט זיין פשטות און האַרציקייט. ס׳איז אַ שיר וואָס פּאַסט פאַר גאָט און מענטש.

***

אויב אַן „אַריינפיר״ מיינט צו עפענען אַ טיר פאַרן מחבר, איז מיין עובדא דאָ, ווי אַזעלכע — איבעריק, נייך, ער איז שוין גאַרניט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור. פראַגמענטן פון „שבת״־ליד זיינען דערשינען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און געליינט געוואָרן מיט אויפריכטיקער פאַרערונג. ער איז אויך באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ ווערק „אין קיניגרייך פון דורות״, וואָס אַנטהאַלט הונ־דערטער סאָנעטן וועגן די גרויסע דענקער און דיכטער פון אַלע צייטן און אַלע פעלקער. העללער איז באמת א בקי אין וועלט־ליטעראַטור. זיין גרויסע

זאַמלונג פֿון טויזנטער ספֿרים, וועלכע ער האָט צענויפֿגעזאַמלט אין משך פֿון יאָרן, האָבן באַוויזן נישט נאָר זיין גרויסע ליבע צו זיי, נאָר אויך אַז ער איז טאַקע באַהאַוונט און היימיש פֿאַרבונדן מיט זייער תוכן. זיין גרויסע ביבליאָטעק האָט אים אינספּירירט צו באַזינגען די שפּעדיקע גייסטער פֿון געדאַנק און שיינער ליטעראַטור.

העלערס אַ ציקל סאָנעטן, געזונגען מיט אַזאַ נאָסטאַלגיע, אָנ־הויבנדיק פֿון אַ בודהא, פּלאַטאָן, יהודה הלוי, מאָנטען, שעקספּיר, היינע, בעל־שם, ביאַליק, פּרץ, וויטמאַן, שעלי, לייוויק, שמעון האַלקין און הונדערטער אַנדערע, איז מער ווי דיינו. ס׳וועט ניט נאָר עפֿענען אַ טיר פֿאַר אים ווען זיי וועלן דערשיינען אין בוך־פֿאָרם, עס וועט זיך פֿאַר אים עפֿענען אַ וועג און ער וועט אפֿשר אַריין אין היכל פֿון וועלט־פּאָעטן.

און ווען העלער האָט מיך מכבד געווען מיט דער עליה — אָנצו־שרייבן אַן „אַריינפֿיר״ צום „שבת״ ליד, האָב איך עס אָנגענומען מיט אמתער פֿרייד און בכבוד גדול.

טאָ זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין פֿאָרצושטעלן פֿאַר דעם לייענער פֿון יידישן־בוך דעם גאָט־געבענטשטן פּאָעט זעליק העלער און זיין באמת קינסטלעריש ווערק, זיין פּאָעמע „מזמור שיר ליום השבת״.

שלמה גולדמאַן



**
*

„פון אַ פרינץ אַזוי פֿאַרשאָלטן
זינגט מײַן ליד, ער הייסט ישראל,
אים אַ כשוף האָט פֿאַרוואַנדלט
לאַנג צוריק שוין אין אַ הונט.

„אָבער יעדן פרײַטיק אָוונט,
בין־השמשות, אַזוי פּלוצלונג,
ווייכט פון אים דער כשוף,
ווערט אַ מענטש אויף דאָס ניי.

„מענטש מיט מענטשלעכע געפילן,
אָנגעטאָן אין יום־טוב־קליידער,
הויך זײַן קאָפּ, אין האַרצן פריידן,
קומט ער אין זײַן פֿאָטערס פּאַלאַץ.

„זײַ געגריסט, דו, ליבער פּאַלאַץ
פון מײַן קעניגלעכן פֿאָטער!
יעקבס צעלטן ריין און הייליק,
זײַ געגריסט, דו, שיינער היכל!“

היינריך היינע.

ס'לעבט אַ פאָלק צווישן פעלקער,
צווישן גרויל און שנאה־פלאַם;
ווינטן האָבן אים צעבלאָזן,
שטויב — זיין לעבן, הפקר, סתם.

פון זיין אייגן היים פאַרטריבן,
וואָגלט ער פון דאַן ביז היינט;
אויסגעוואַנדערט אַלע וועגן,
אָן אַ גואל, אָן אַ פריינט.

וואָלט שוין לאַנג פאַרוועלקט געוואָרן
ווי אין האַרבסט — אַ צאַרטע פלאַנץ,
האָט אַ חלום אים פאַרכשופט,
אָט דער חלום האַלט אים גאַנץ.

בא די טייכן פונעם בבל
הענגט זיין האַרף אויף ווערבע־בוים:
וואָגלט ער און זינגט אַ ניגון
פול מיט בענקשאַפט צו זיין היים.

און ווי ביטער ס'איז דער גלות,
שבת אָבער ווערט געהיט;
זי — זיין איינציקע געליבטע,
גאָט און תורה, זי — אין מיט.

***

שבת! — — —
טרינקסט דעם יידן אָן מיט קדושה,
מיט נגינה אָן אַ שיעור;
ס׳פליסט געזאַנג אַרויס פון האַרצן,
כלל־ישראל זינגט צו דיר.

שלמה גבירול, אבן עזרא,
יעדער דיכטער מיט זיין שבת;
אַלע זינגען צו דיר שירה,—
אומעטום — אויף יעדן שליאַך.

היינריך היינע האָט באַקומען
תיקון דורך זיין ״שבת־ליד״:
מיד פון בענקשאַפט, זיין נשמה
ווײנט זיך אויס, ס׳וויינט אַ ייד!

שבת־מלכה! ס׳האָבן דיכטער
דיך באַזונגען — ליד נאָך ליד;
שענער אָבער און פיל ליבער,
נעמט דיך אויף דער פרומער ייד.

האָסט מיך אויך פאַרכשופט, שבת,
מיינע קינדער־יאָר באַשיינט;
יענער צויבערדיקער עבר
האָט פאַרקנסט זיך מיט מיין היינט.

ס'האַלט אַ בענקשאַפט זיי צעזאַמען,
און חלומות — אָן אַ צאָל;
שפּעטער — אויפן וועג פון לעבן,
פאַלט אַ שיין פון דעם אַ מאָל.

קיינמאָל ווערט דער פלאַם פאַרלאָשן,
פונקען גליִען דאָרט און דאָ;
אָפּגעפרעמדטע — זיי אַפילו
איז נאָך ליב די שבת־שעה.

ס'רופט און וועקט די "אָפּגעפרעמטע"
דער געהיימער — „ניט פאַרגעס!"
אַט דער ווייטער רוף פון דורות
איז פון אונדזער זיין — דער נס!

אַט דער ווייטער רוף פון דורות,
קלינגט און הילכט אין יעדן דור;
ס'ווערט מחדש אונדזער עבר
פון די שיינע קינדער יאָר.

אזא איינער — אַ פאַרבענקטער,
קום איך איצטער צו דיין שוועל;
יוגנט איז שוין לאַנג פאַרשאָטנט,
דיינע ליכט נאָך לייכטן העל!

זאָלן דיינע ליכט מיר לייכטן,
פירן צו מיין שטעטל־וועג;
אויף די פליגל פון זכרונות,
שווינדן מיינע קינדער־טעג.

אָט די שיינע קינדער־יאָרן,
קומען קיינמאָל ניט צוריק;
לאָמיר כאָטש פון וויטן וואַרפן
אַייך אַ בענקענדיקן בליק.

**
*

תמימותדיקע ליטע־שטעטל,
ליב און טייער ביסטו מיר!
צו דעם אוצר פון חלומות,
מוז איך דורכגיין דורך דיין טיר.

כ׳קאָן דיך, שטעטל, ניט פאַרגעסן,
טרוים־זכרונות — גאָר אַ סך;
ערשטע האָפנונגען, צעבליטע,
שטייען תמיד אויף דער וואַך.

שטעטל מיינע, כ׳לעב נאָך איצטער
מיט דיין צער און מיט דיין פרייד;
דו און איך — צוויי ווייטע וועלטן,
אָבער ניט אויף פרעמד צעשיידט.

דיינע מאָרגנס און פאַרנאַכטן,
פריש ווי לאַנדיש, צאַרט ווי בעז;
יאָ, דיין גאַנצער שטייגער לעבן,
בעט און מאָנט: ״אָ, ניט פאַרגעס!״

כ׳האָב די קינדער־יאָרן מיינע
אויסגעחלומט אויף דיין ערד;
שפּעטער — ווייט פון דיר פאַרוואָרפן,
ס׳איז געווען אַזוי באַשערט.

ווייט בין איך פון דיר פאַרגאַנגען,
צייט האָט אָפּגעמעקט די טריט;
איז אַ זכר מיר געבליבן
און אַ ניגון פון אַ ליד.

מיך פאַרכשופט אָט דער ניגון,
מיך פאַרחלומט דאָס געזאַנג, —
איצטער הער איך נאָך דאָס עכאָ
פון אַ גוססדיקן קלאַנג.

עכאָס, גוססדיקע קלאַנגען,
טראָגן זיך צו מיר אַהער;
ס׳איז געבליבן בלויז אַ חלום,
ווייט אַ חלום און — ניט מער.

שיינער חלום פון מיין יוגנט,
גאָטס געשאַנק פון פרייד און גליק:
טראָג מיך אויף די פליגל דיינע,
צו מיין שטעטעלע צוריק —

צו די קינדער־יאָרן מיינע,
צאַפּלדיקע, פול מיט פרייד;
יעדע וואָך באַשענקט מיט שבת
צו באַשיינען "קינד און קייט".

אָט דערזע איך דיך, מיין שטעטל,
יעדע גאַס און יעדעס הויז;
כ'זע דעם שול־הויף, דעם בית־מדרש
און די אַלטע גרויסע קלויז.

כ'זע דעם מאַרק, די ווייסע קראָמען
אויסגעשטעלטע אין דער לענג;
קעגנאיבער — קליינע ביידלאַך
און די קונים אין געדרענג.

כ'זע די לאָנקע און דאָס טייכל,
און פון ווייטנס — העט־העט־העט,
שטייט פאַריתומט דאָרט אַ מויער,
דער סאָלדאַטצקער לאַזאַרעט.

כ׳זע דעם אַלטיטשקן בית־עולם
איינגעזונקען טיף אין טאָל;
דעם משומדס הויז און גאָרטן
גלייך אין שכנות פון „קאַסטיאָל״.

כ׳זע דעם הויכן באַרג פון ווייטן,
פעלדער גרינע אָן אַ סוף;
טשאַטעס פול מיט פויגל־פלאַטער,
פאַסטוכער מיט סטאַדעס שאָף.

גאָלד און גרין די גאַנצע לאַנדשאַפט,
וועגן — פון דער זון צעהעלט.
ס׳איז דער הימל ווי אַ חופה —
ערב־שבת אויף דער וועלט!

יידן קומען אָן פון דערפער,
פונעם האַנדל, פון יאַריד;
ברוך־הבא גריסט די שטעטל,
גיט אָפּ שלום יעדן ייד:

שלום־עליכם — ליבע יידן,
אַלע אָנגעלייגטע געסט;
ס׳קומען אורחים, משולחים,
קומען שבת אָן אויף ״קעסט״.

און אַט זע איך זיך אין חדר,
כ׳בין אַ ייִנגעלע צוריק:
כ׳לערן חומש שוין מיט רש״י,
קאָן די סדרא אויסוויינִיק.

פרייטיק אָבער — אַ מחיה!
האַלבן טאָג פון חדר פריי!
און אין שטוב מען ראַמט, מען שייערט,
ערב־שבת שיינט אַלץ ניי.

***

אויסן שטעטל, צו דעם טייכל,
לויפן קינדער פלינק אַוועק;
שפרינגען בריהש אינעם וואַסער,
שווימען ווייט, גאַר ווייט, פון ברעג.

יונגע, זאָרגלאָזע קונדסים
יאָגן זיך נאָך כוואַליעס שנעל;
גופלאַך — צאַפּלדיקער מאַרמאָר —
כוואַליעט שטיפעריש אַ וועל.

כוואַליעס קומען און אַנטלויפן
און די חברה לויפט מיט זיי;
וואַסער־שפּריץ און ווייסע גופלאַך
אין איין קאַראַהאָד־געדריי.

פרייטיק קומען אָן אויך טאַטעס
אָפּצוטובלען זיך אין טייך;
ליגן "קלאַפּטער", קינדער שטוינען,
מאַכן נאָך די טאַטעס גלייך.

אין אַ טייך פון גאָלד און זילבער,
אין אַ וואַסער — קלאָר און ריין,
טובלען זיך לכבוד שבת
מאַרמאָר־לייבער — גרויס און קליין.

מאַרמאָר־לייבער — זון צעשטראַלטע,
שטייגן איילנדיק פון טייך;
טראָפּנס פינקלען אויף די לייבער,
גופים — דעמבעס, שלאַנק און גלייך.

***

ס׳גייט צוריק אַ שבת־עולם,
חדווה אין די גיכע טריט;
זיי אַנטקעגן — ענן־כבוד
שפּרייט זיך איצט אויף זאַנג און בליט.

***

ווי אַ שטויב פון ווינט פאַרטראָגן,
ווי אַן ערשטע ליבע־טרער,
שווינדן ערגעץ מיינע יאָרן,
יאָ, כ׳בין קיין קינד ניט מער.

יאָרן — בלומען אָפּגעוועלקטע,
און ווי אָסיען־בלעטלאַך — געל;
אויפן קבר פון אַ חלום
וויינט מיין אבלדיקע זעל.

יאָ, איך טרוים פון יענע יאָרן,
איצטער, אין מיין גרויען היינט;
גליווערדיקע טעג אָן תוכן,
אָן אַ שבת, אָן אַ פריינט.

יאָרן שווינדן, ס׳קומט די עלטער,
אויפן האַרצן — וואָכיק, שווער;
וואויל איך ווייס, אַז יענע צייטן
קערן זיך ניט אום שוין מער.

צייט האָט אָפּגעמעקט די שפּורן
פונעם וועג צו אייך צוריק;
שטיי איך אויפן שוועל פון עלטער
מיט אַ בענקענדיקן בליק.

***

אויס דער תענוג פונעם שבת,
אויס די פרייד פון קינדער־טעג;
יאָ, דאָס לעבן, — ווי אַ יתום,
גייט פון מיר פאַרשעמט אַוועק.

***

אָ, איר ווייטע קינדער־יאָרן,
אָ, דו שבת, — לויטערער!
איצט איז מיר פון אייך געבליבן
בלויז אַ חלום און — ניט מער.

***

שיינער חלום פון מיין יוגנט,
גאָטס געשאַנק פון פרייד און גליק!
ווען איך טראַכט פון דיר, אָ, שבת!
ווער איך ווי אַ קינד צוריק.

— — — — — —
— — — —

פרייטיק-צו-נאכט

***

קומט, לאָמיר זינגען אַלע אינאיינעם,
קומט, לאָמיר אויפהויכן ניי אונדזער קול
מיט אַ געלייטערטן האַרץ מיט אַ ריינעם,
פרייע, באַפרייט פון וואָכיקן עול.

ערד האָט געשפּאָלטן זיך, וואַסער געשטורעמט,
ביז זיך פּאַרפעסטיקט יסוד נאָך יסוד,
ליבשאַפט וואָס האָט אַלע וועלטן געפורעמט,
האָט זיי געבענטשט מיט געזאַנג און גענאָד.
שלום עליכם, מלאכי השלום!

ה. לייוויק.

ס׳נעמט די זון פֿאַרגיין אין מערב,
ייִדן מאַכן קראָמען צו:
שבת־קודש קומט אין שטעטל
ברענגט אין קאָכיקייט די רו.

בין־השמשות — זון אין שקיעה
צייט צו גיין אין שול אַריין;
ס׳לויפֿט אַ ייִד, נאָך אים אַ צווייטער
מיט אַ פֿלעשל קידוש־וויין,

און אַ דריטער לויפֿט פֿון מרחץ,
אוי, אַ שאַנדע, אַזוי שפּעט;
האָט זיך מיט דעם גוי, דעם בעדער,
איבער נאַרישקייט פֿאַרעדט.

מנוחה׳דיק זעט אויס דער דרויסן,
ס׳בלישטשען ליכט אין גאַס אַרויס;
שלווה־רו פֿון שבת־קודש
וויגט דעם ייִד אַיין אין איר שויס.

***

ס׳איז די שטוב שוין פֿול מיט שבת,
פֿון דער וואָך — קיין סימן מער:
פֿריילעך, ליכטיק יעדעס ווינקל
וואו מען גיט זיך נאָר אַ קער.

ווינטער, מ׳הייצט דעם גרויסן אויוון,
ס׳ווערט דער „טשאָלנט״ דאָרט געשטעלט;
וואַרעם ווערט אין אַלע גלידער —
וואויל דיר, יעקב, דיין געצעלט.

זומער־לעבן — א מחיה!
טראָגט מען טאַקע „טשאָלענט״ אָפּ
צו דעם בעקער, דאָ, אין שכנות,
ער דערקענט שוין יעדנס טאָפּ.

**
*

ס׳איז די שטוב שוין פול מיט שבת,
קדושה־חן אויף אַלץ געשפּרייט:
אָ, מה טובו אוהליך!
זע, וואָס שטייט פאַר דיר געגרייט:

אויפן טיש צוויי שיינע חלות
מיט אַ טישטאכל פאַרדעקט;
זילבער־לייכטער אויסגעפּוצטע,
ליכט אין זיי אַריינגעשטעקט.

בא די לייכטער שטייט די מאַמע,
פנים אירער — צאַרט און בלייך;
צינדט די ליכט און ליפּן מורמלען
אויס אַ תפילה שטיל און ווייך.

„לייכט געבויגן איבער לייכטער,
הענט צעשפּרייטע פאַר געזיכט.“

ליכט געבויגן איבער לייכטער,
הענט צעשפרייטע פאר געזיכט:
„ברוך אתה — האר פון וועלטן" —
און זי בענטשט די שבת־ליכט:

„פאר זיין ליבן שבת־קודש,
פאר זיין תורה — אונדזער קרוין;
פאר די גאנצע תרי"ג מצוות,
אמן! כן יהי רצון".

אין דער ברכה פון ליכט־בענטשן —
וואס פארלאנגט זי דען פון גאט?
זי — זיין דינסט — וויל רו און כוח
אפצעהיטן זיין געבאט.

אויב זי בעט פאר מאן און קינדער,
בעט זי אויך פאר יעדן ייד:
„גיב מיין פאלק געזונט און לעבן,
שבת־פרייד צעשטער אים ניט".

טרייסט, בטחון און ישועות
בעט די מאמע שטיל און פרום,
און צוויי הענט — ווי שכינה־פליגל
שוועבן איבער ליכט ארום.

מאַמעס בענטשן — פול מיט רחמים,
לעבן איז דאָך אַזוי שווער;
פינקלט זיך אויף טישטוך ווייסן
שבת־פריידנדיק — אַ טרער.

מאַמע־אויגן — טרייע בליקן,
הייליקע פון צער און פּיין;
ווי אויף שבת־ליכט, די שכינה,
רוט אין זיי — אַ קדושה־שיין.

מאַמעס מילדע טויבן־אויגן,
אַזוי סודות׳דיק און זאַכט;
הייליק ווי די ליכט געבענטשטע
אינם פרייטיק־אויף־דער נאַכט.

ליכט אין קדושה העל צעצונדן
און די מאַמע — ראָז צעבליט,
ווי אַ ליליע פון דעם שרון,
ווי אַ שיר השירים־ליד!

אין די נייענקע מלבושים
פאַר דער מאַמען אויסגעשטעלט
שטייען קינדערלעך — בריליאַנטן!
מאַמעס האַרץ פון נחת קוועלט.

באַ דעם שפּיגל אַ פּאַרפּוצטער
שטייט דער טאַטע — קאָקעטירט:
וויל געפעלן זיין דער „כלה“,
גלייך אַ ליבע מיט איר פירט.

אָבער ביין איז ניט די מאַמע,
זי פאַרגינט אים נחת־שעה;
יאָ, זי קומט דאָך יעדן פרייטיק
צו דעם „חתן“ אירן דאָ.

יעדער ייד גייט איר אַנטקעגן,
זי באַגעגענען מיט פרייד:
שבת־מלכה איז איר נאָמען,
ער בלייבט טריי איר ביזן טויט.

קערט ער אוים פאַר איר די גאַסן,
טיר פון מסחר שליסט ער צו —
אַלץ לכבוד אָט דער כלה,
וועלכע ברענגט אים פרייד און רו.

***

גייט אַ טאַטע מיט די קינדער
צו דער אַלטער גרויסער שול:
גייען צו קבלת־שבת,
הערצער — מיט בטחון פול.

ליכטיק איז אין שול און פריילעך,
— בלענד פון בלישטשנדיקן שיין;
שבת ברענען אַלע לאָמפּן,
זאָל דעם יידן ליכטיק זיין!

לאָמפּן פינקלען און זיי בליצן,
קוויטן־גאָלד און זילבער־העל;
טובלט זיך אין ליכט די עדה,
שבת פליסט אַריין אין זעל.

פול איז שוין די שול מיט יידן,
אַלע זיינען איצטער דאָ.
ווער ווערט היינט אין שול ניט קומען,
צו קבלת־שבת שעה?

ווער וועט היינט אין שול ניט קומען?
וועג — דורך דורות אייביק ציט;
שבת — אידנ׳ס מטרוניתא,
ביידע גלייך פון גאָט געהיט.

***

זעט, אָט גייט אַ יונגער פרינץ־זון,
גייט די שכינה מיט אים מיט:
ער איז אונדזער שליח־ציבור,
זיכער זיינען — זיינע טריט!

ווען ער שטעלט זיך אויף דער בימה,
ווערט די בימה ווי אַ טראָן,
ווי אַ קרוין דער ווייסער טלית,
עס פאַרשיינט דעם אויבן־אָן.

ווערט דעם יידנס ראש־הגולה
און דער „פרינץ“ אין מלך'ס הויז;
זילבערט זיך אין ליכט זיין טלית,
ליכט — וואָס לעשן זיך ניט אויס!

זעט מען ממש מיט די אויגן
די „פרינצעסין שבת“ דאָ:
וואונדער־שטראַלן פול מיט קדושה,
אָ, ווי הייליק איז די שעה!

ווייס באַפליגלטע צוויי כרובים
פירן זי אין יידם רשות;
גייט דער „פרינץ“ איר גלייך אַנטקעגן,
לופט ווערט פול מיט איר מהות!

פירט אַרויף זי אויף דער בימה,
פנימער באַהויכט מיט פרייד:
„טאַטע הארציקער אין הימל!“
טיאָכקען הערצער שטילערהייט.

קלינגט ביים פרינץ אַרויס אַ ניגון,
שירה פלאַטערט אין זיין קול:
שיר־היחיד, שיר־הכבוד —
עס פאַרכשופט מיט אַמאָל.

אָ, ווער שטייט עס אויף דער בימה
און ווער זינגט עס אַזוי שיין?
„לכה דודי לקראת כלה“,
וויפיל צויבער, וויפיל חן!

„לכה דודי לקראת כלה“:
קום, דו כלה־שבת, קום; —
זע, דער ייד, דער חתן דיינער,
נעמט דיך אַזוי שטייף אַרום“.

„שמור וזכור בדבור אחד“,
הערן מיר אַ גרויס געזאַנג:
איינס איז גאָט און איינס זיין נאָמען,
אים אַ לויב פאַר שבת־טאָג!“

„לכה דודי לקראת כלה:
קום דו כלה־שבת, קום; —
זע, דער ייד, דער חתן דיינער,
נעמט דיך אַזוי טריי אַרום“.

„מקדש מלך עיר מלוכה:
אָ, דו קעניגלעכע שטאָט!
ביסט אונדז ליב, ירושלים,
שטאַרקסט פון גלויבן דעם יסוד".

„לכה דודי לקראת כלה:
קום, דו כלה־שבת, קום; —
זע, דער ייד, דער חתן דיינער,
נעמט דיך אַזוי צאַרט אַרום".

„התנערי מעפר קומי:
טרייסל אָפּ פון זיך דעם שטויב,
גיי טו אָן דיין שענסטן בגד
און זינג אויס צו גאָט אַ לויב: —

„לכה דודי לקראת כלה:
קום, דו כלה־שבת, קום;
זע, דער ייד, דער חתן דיינער
נעמט דיך אַזוי ליב אַרום".

„התעוררי, התעוררי, כי בא אורך:
צו דער גאולה שטאַרק די טריט!
דיך האָט גאָט אַנטפּלעקט זיין כבוד,
זינג מיט חדווה אויס דאָס ליד: —

„לכה דודי לקראת כלה:
קום, דו כלה־שבת, קום;
זע, דער ייד, דער חתן דיינער,
נעמט דיך האַרציק איצט אַרום“.

„לא תבשי ולא תכלמי:
דאַרפסט ניט זיין צו קיינעמס שאַנד;
אויפגעריכט וועט ווידער ווערן
ווי אַמאָל — דיין הייליק־לאַנד“.

”לכה דודי לקראת כלה:
קום, דו כלה־שבת, קום;
זע, דער ייד, דער חתן דיינער,
נעמט דיך מיט אַ פרייד אַרום“.

„ימין ושמאל תפרוצי:
רעכטס און לינקס זיך טו אַ שפּרייט;
דורך דעם מאַן פון דודס שורש,
ליכטיק, גרויס וועט זיין דיין פרייד!“

„לכה דודי לקראת כלה:
קום, דו כלה־שבת, קום;
זע, דער ייד, דער חתן דיינער,
נעמט דיך שמחהדיק אַרום“.

„בואי כלה, בואי כלה“ —
ייד, דיין ליבסטע איז שוין דאָ:
זינג פֿאַר איר דעם שבת־ניגון
אין אַ מזלדיקער שעה.

זינג איר, ייד, דעם שבת־ניגון
אין אָט דער געזעגענונג־שעה:
„לכה דודי לקראת כלה
פּני שבת נקבלה!“

„לכה דודי לקראת כלה“
זינגט די גאַנצע עדה מיט;
דרינגט אַ וואַרעמקייט אין האַרצן,
אַך, ס׳איז גוט צו זיין אַ ייד!

ווייסט מען ניט וואָס וואַרעמט מערער:
דאַוונען, צי דאָס בליץ־געלויכט?
ס׳איז התעלות, פרייד פון לעבן,
לויטער קדושהדיק באַהויכט!

נאָכן דאַוונען מאַכט דער חזן
קידוש פֿאַר דער גאַנצער שול;
אַלע ענטפערן די ברכה,
ס׳ווערט די לופט מיט „אָמן“ פול.

נאָכן קידוש גריסט זיך יעדער:
„אַ גוט־שבת“ — „אַ גוט־יאָר“!
און עס גייט אַהיים דער עולם,
ס'בלייבט אין שול דער שמש נאָר.

תמיד בלייבט ער אויס דער לעצטער,
תמיד — ערשטער אין דער פרי;
אים וועט גאָט מיט עולם־הבא
שוין באַצאָלן פאַר זיין מי.

***

ס'קומט אַריין דער אַלטער יאַנעק,
זיינע האָר — אינגאַנצן גרוי;
דינט ביי יידן שוין פון יאָרן,
גאָר אַ וואוילער שבת־גוי.

פרייטיק אַרבעט ער אין מרחץ,
טיילט אויס בעזימלעך און זייף;
אויך ביים שמש אַ משרת,
ערב־שבת ראַמט ער אויף, —

וואַשט אין שול אויס אַלע פענצטער,
ווי אַ שפּיגל — יעדע שויב;
ווישט אַראָפּ פון באַנק און שטענדער
פון דער וואָך דעם קויט און שטויב.

איז אין „יידישקייט“ באַהאַוונט,
אויסגעבונדן אין זיין פליכט,
ווייסט ער שוין, אַז באַלד נאָך מעריב
דאַרף ער אויסלעשן די ליכט.

שבת פרי ווייסט אויך שוין יאַנעק
וואָס אין יידיש־הויז צו טאָן:
נעמט אַראָפּ פון טיש די לייכטער,
פילט די פאַס מיט וואַסער אָן.

פיש מיט חלה איז זיין מאכל
און אַ „קעלישעק“ דערצו —
לעבט זיך אויס אַזוי מיט יידן,
איז מיט אַלעמען אויף „דו“.

***

קוקט נאָר אָן דעם שיינעם דרויסן,
בלוי דער הימל אויסגעשפרייט;
שטערן פינקלען פון דער ווייטן
און אַ מילדעס ווינטל ווייט.

ערד און הימל טוט אַ שידוך
יעדן פרייטיק אויף דער נאַכט:
גאָט איז דער מסדר קדושין,
ער אַליין — די ברכה מאַכט.

שטערן זיינען מחותנים,
קומען משמח זיין —
און דער זיווג — כלה־שבת
קומט צום ייד אין שטוב אַריין.

אָ, דער ייד איז היינט אַ חתן,
נאָר די וואָך געוואָרט אויף איר:
איצטער פלאַטערט ער פון שמחה,
פילט אויף זיך איר קדושה־דיר.

שבת! שבת! זינגט דער הימל,
קוקט מיט ליבע אויף דער ערד —
און די ערד — זי גיט אַ שמייכל,
ליבע — נאָר פון גאָט באַשערט.

איצטער — נאָך קבלת־שבת
טוט אוים שכינה איר לבוש,
קומט צו ערד אַראָפּ דער הימל
הייליקן זי מיט זיין קוש.

שבת! שבת! זינגט דער הימל
און די ערד זי זינגט אויך מיט:
שבת! שבת! גאָט דו גרויסער!
האָסט אונדז אין אַ בונד געשמידט.

האָסט מיט אונדז אַ בונד געשלאָסן
אויף דיין הייליק סיני־באַרג, —
היטן מיר געטריי דיין תורה,
היטן מצוות אָפּ — תרי״ג.

משה מעג זיך מיט זיין חלק
פרייען אויבן; יאָ, ער האָט
אָט דעם כוח אונדז געגעבן
און אין דיר, דעם גלויבן, גאָט!

איצטער — נאָך קבלת־שבת
איז אַ יידנס האַרץ באַזועלט;
אויגן זיינע — אין די הויכן,
אורקוואַל זיינער אים באַהעלט.

גייט אַ ייד פון שול אַ שטאָלצער,
גאָט־בטחון — אין די טריט, —
זיינע אבות און אויך משה
גייען איצטער מיט אים מיט.

מורמלט שטיל פאַר זיך אַ ניגון,
ס'איז אים איצט דאָך גוט אַזוי!
גייט פאַרביי אים, סטאַש, זיין שכן,
וואָס זשע טראַכט אַצינד דער גוי?

ס'טראַכט דער גוי אַצינד מיט קנאה:
זעט־נאָר־זעט זיין שטאָלצן טראָט!
זעט אַ גאַנג — אַ גאַנצער יחסן,
אַ בן־יחיד בא זיין גאָט.

גרעסער נאָך איז גויאיש קנאה
צו זיין שבתדיקן טיש;
קיין עין־הרע, אַזאַ סעודה —
פלייש און חלה, יויך און פיש.

ער באַדויערט שטאַרק דעם ערל
וואָס ער האָט קיין שבת ניט:
זאָל נאָר, טאַטעניו, משיח קומען,
וועט דאָך יעדער זיין אַ ייד.

אָט אַזוי, מיט די מחשבות,
פול מיט רחמים אין געמיט,
קומט ער אָן צום „פאַלאַץ" זיינעם,
פרום, מיט שבת'דיקע טריט.

פון די פענצטער — שבת־ליכטער
ווארפן אויף זיין וועג אַ שיין;
שמייכל שפיגלט זיך אויף ליפן
ווען ער גייט אין שטוב אַריין.

אין זיין ברייטן „אַ גוט־שבת“
קלינגט אַזוי פיל פרייד אַצינד,
קריגט צוריק אַ ליבן ענטפער
פון דעם גאַנצן הויזגעזינד.

איצט איז ער בא זיך אין „פּאַלאַץ“,
— קעניג פון אַ קעניגרייך —
און זיין חייל — גאָר מלאכים,
ווער איז איצטער צו אים גלייך?

ער באַטראַכט זיין „אשת־חיל“,
ווי פאַרליבט ער איז אין איר!
אָט די ריינע, שיינע ליבע
האָט קיין גרעניץ ניט, קיין שיעור.

יאָ, זי שיינט היינט ווי דער שבת,
ס׳איז איר גלייכן ניט פאַראַן —
אירע צניעות׳דיקע בליקן
פאַלן פרומע אויף איר מאַן.

און דער טאַטע זינגט אוים פריידיק
אַ געזאַנג פון האַרץ אַרוים:
„שלום עליכם, מלאכי השלום,
פילט מיט תענוג אָן מיין הויז.

„שלום עליכם, מלאכי עליון,
שלוחים הייליקע פון רו —
אייער קומען איז אַ חסד
פון הקדוש־ברוך־הוא.

„נעמט אונדז אונטער אייער פליגל
שלוחים הייליקע פון גאָט;
ליב צו אים, דעם האַר פון וועלטן
פאַר זיין צדק, פאַר זיין גנאָד!

„קומט אַהער מלאכי השרת,
תענוג, רו פאַרשפּרייט איר דאָ“.
יעדעס ווינקל זינגט אַ ניגון
אין דער שבת־קודש־שעה.

„אשת־חיל“ קלינגט נאָך שענער,
הערט אַ זינגען, הערט אַ קול;
צאַרטער ווערט דעם טאַטנס שטימע,
תפילהדיק, מתיקות־פול:

„אשת־חיל, ליבסטע מיינע,
פרוי אוןווירטין, הייליק, פרום.
נאָך אַזאַ ווער קאָן געפינען,
אַזאַ שיר השירים־בלום?

„ניין, ניט יעדער איז דאָך זוכה
צו געניסן אַזאַ גליק!
כ׳וועל ניט בייטן אויף בריליאַנטן
דיין חן־כשרדיקן בליק.

„אשת־חיל, וואו געפינט מען
אַזאַ ערלעך־ריינע זעל?"
זי געפינען? — טרעט אַריבער
פרייטיק־נאַכט א יידיש־שוועל.

און דער טאַטע — אויפגעלויכטן
שפּרייזט זיך אום אַהין, אַהער.
פון דער מאַמעס צנועה־אויגן
טריפט פון פרייד אַרויס אַ טרער.

לייכטן העל די שבת־ליכטער
אינם פרייטיק אויף־דער־נאַכט —
זילבער־לייכטער, פינקלדיקע,
טובלען זיך אין קדושה־פּראַכט.

שבת־ליכט און פּראַכט פון קדושה,
גאָטס גענאָד — זיין ליבער שכר:
איז אַ ייד זיך משמח —
חנדלט אויך צו אים דער צער.

קומט דער שבת ווי אַ מאַמע,
צערטלט מאַמעדיק אים אײַן:
„גיי מיין ליבער, מאַך שוין קידוש,
פיל דעם בעכער אָן מיט ווייַן“.

גיסט דער טאַטע אָן דעם בעכער
פילט מיט וויין אָן ביזן ראַנד;
אויגן זיינע — פול מיט דביקות
און אַ פעסטקייט אין זיין האַנט.

ער באַטראַכט דעם טיש פון שבת,
אַלץ מיט סדר, אַלץ איז דאָ.
ווער האָט עס זיין שטוב פאַרוואַנדלט
אין אַזאַ־אַ־חדווה־שעה!?

וואַרפט דער טאַטע דאַנקען־בליקן
פאַר דעם שפּע'דיקן גליק:
רויטלט זיך דער מאַמעס פּנים,
פילט אויף זיך זיין ליבן בליק.

מאַמע, אין דעם ווייסן שלייער,
זיצט פאַרחלומט — מלא־חן:
אירע אויגן גוטע, פרומע,
לויטער צנועה'דיק און ריין.

טאַטע הויבט אויף הויך דעם בעכער,
הייליקער עקסטאַז — ווי פרום!
מאַמע, קינדער קומען נענטער,
רינגלען אים מיט פרייד אַרום.

מאַמע, קינדער, גלאַנץ פון ליכטער
שפּיגלען אָפּ זיך אין דעם ווײַן.
שטיל! דער טאַטע מאַכט איצט קידוש,
הערט זיך אַלע צו אים אַײַן:

„יום השישי״ — אויג צום הימל,
ווי פון אויבן קומט דאָס קול:
ס'איז דער ניגון פון די דורות,
אינם היינט — דור פון אַמאָל.

און עס דאַכט זיך, אַז מלאכים
פון די היכן שוועבן דאָ:
פילן אָן דאָס הויז מיט שירה
אין דער שבת־קודש־שעה.

אין די ווערטער פונעם קידוש —
מעשי בראשית ווערט דערציילט:
אונדז האָט גאָט פון אַלע פעלקער
פאַר זײַן איינציק פאָלק געוויילט.

ווי ער האָט געבאָט פון שבת
אויף די לוחות אויסגעקריצט,
און מיר היטן אָפּ די מצווה
פון באַרג־סיני אָן — ביז איצט.

לויבן מיר דעם בורא׳ס נאָמען,
קידוש ווערט פאַר אים געמאַכט.
שבת פילן מיר זיין גרויסקייט,
שבת זעען מיר זיין פּראַכט!

ששת ימים, — וואָך אַ גאַנצע
איז אין יאָך געשפּאַנט דער ייד:
יום השביעי — שבת־קודש,
טאָג פון קדושה, רו און פריד.

שבת רוען ערד און הימל,
חיות, פויגל, פיש אין ים;
פאַר רשעים אין גהינום
לעשט ער אויס פון שטראָף דעם פלאַם.

דער סמבטיון הערט אויף ברויזן,
איינגעשטילט זיין שטורמען ווערט:
שבת קיניגט איבער וועלטן —
אויפן הימל, אויף דער ערד.

„סברי מרנן — פּרי־הגפן“
און זיין ציקלען זיך דערביי;
קדושה־ווערטער — וואויל באַקאַנטע,
קלינגען תּמיד פּאַר אים ניי.

הערט נאָר, הערט דעם קידוש־נוסח:
„ברוך אתּה אדושם“;
ניגון — אָנגעזאַפּט מיט תּענוג,
קוואַל פון שׂמחה ליגט אין דעם.

„אלהינו מלך העולם,
קעניג פון דער גאַנצער וועלט;
האָסט באַהויכט מיט קדושה דיינער
אונדזער וואָכיקן געצעלט“.

נאָך די ברכות טרינקט ער לאַנגזאַם
פונעם בעכער, שטיל, פאַרטראַכט,
איז מכבד אויך די אורחים
וואָס ער האָט פון שול געבראַכט.

גיט דער מאַמען צו פאַרזוכן,
טיילט די קינדער זופּן איין:
„נעמט צעביסלעך, קינדער מיינע,
פילט, וואָס הייסט אַ ייד צו זיין!“

גייט מען וואַשן זיך צום עסן,
קריגן זיך די קינדער דאָרט;
ווער עס וואַשט די הענט אָפּ פריער,
כאַפּט באַם טיש דעם בעסטן אָרט.

מוסרט זיי דער טאַטע: „קינדער!
היינט אום שבת נאָך, בפרט?!“
מאַכן קינדער כלומרשט שלום —
גייען צו דעם טיש מיט „שטאַט“.

זעצט זיך אויבן־אָן דער טאַטע
און די מאַמע — בײַ זײַן זײַט:
קינדער זיצן לויט די יאָרן
אויסגעמישט מיט אורחים־לײַט.

בײַ דער רעכטער זײַט פון טאַטן
זיצט דער זיידע — פּאַטריאַרך;
פּונקט ווי איינער פון די אבות,
ווי געשילדערט אין תנ״ך.

און לעם אים — ווי מוטער שׂרה
זיצט די באָבעלע און קוועלט:
נחת — נישט פאַרשטערט זאָל ווערן,
קינדער, אייניקלעך — איר וועלט.

א משפחה — קיין עין הרע!
נאָר דער טאַטע רעדט קיין וואָרט.
האַרץ זיינס אָבער קוועלט פון נחת,
גלעט ער גדלות׳דיק זיין באָרד.

לאַנגזאַם דעקט ער אָפּ די חלה,
איר מלאָכה — ער דערקענט:
קיטקעס — קונציק אויסגעפלאָכטן,
בענטשט בלחש אירע הענט.

פירט דעם מעסער, מאַכט די ברכה,
גיט „המוציא״ יעדן קינד,
און מען הויבט צום טיש אָן טראָגן
שבת׳דיקע שפּייז אַצינד.

טויזנט טעמים — יעדעס מאכל,
יעדער טעם — תענוג איז:
פיש געפילטע, גוט געפעפערט
און די יויכן — צוקער־זיס.

זעט אַקאָרשט די פעטע ביינער,
פלייש באַטעמט — גן־עדן־שפּייז;
היינט דער מאכלדיקער צימעס
פול מיט פלוימען — אַ פאַרבייס.

פילט דער ייד זיין חוב צום הימל
פאַר הנאה וואָס ער האָט:
ווייסט דער ייד, אַז פאַר דעם אַלעם,
קומט אַ דאַנק דעם ליבן גאָט.

טאַטע ווערט „קאַפּעליע־מייסטער“
מיט אַ גאָפּל אין דער האַנט,
מען צעזינגט זיך מיט די זמירות,
אורחים, קינדער — אַל־באַנאַנד.

„אַך, ווי ליב די רו איז דיינע,
פירשטין־שבת, שטיל אַרום,
גייען מיר דיך איצטער בעטן
נאָך אַ מאָל — קום, כלה, קום“.

זינגט אַ ייד מיט האַרץ די זמירות,
יעדער זמר האָט זיין חן:
קלאַנג פון ווייטע, ווייטע דורות
הערט זיך אין „יהי רבון“.

„יהי רבון פון אייביקייטן,
מלכאָ מלך מלכיא;
חסד דיינער איז אַ ברכה,
הייליק ווי די שבת־שעה.

„גאָט, דו האַר פֿון אַלע וועלטן,
מלך פֿונעם גאַנץ באַשאַף —
פֿאַר דעם גרויסן וואונדער דיינעם
שטיי איך, מענטשעלע, און גאַף!

„ווער קאָן דיינע ווערק באַגרייפֿן,
דיינע מעשים — אַלערליי.
ווער קאָן אַנען גבֿורות דיינע
און דעם טיפֿן זין אין זיי?

„קיינער קאָן קיין חשבון געבן
פֿון דיין גרויסקייט, פֿון דיין פּראַכט!
דיין ממשות'דיקן רצון
און דיין אייביק גרויסע מאַכט!

„ווי דאָס ליים אין האַנט פֿון טעפּער
איז דער מענטש פֿאַר דיר, אָ, גאָט!
יעדן טיילסטו אײַין זיין חלק —
לויט דיין ווילן און געבאָט.

„ערד און הימל, מענטש און חיה,
איבער אַלץ ביסטו דער האַר:
שטראָפֿסט דעם רשע פֿאַר זיין רשעות,
צאָלסט דעם צדיק אָפּ מיט שכר.

„פרי און שפּעט צו דיר מיר בעטן:
מלך פון דער גאַנצער וועלט!
יעדעס מין און יעדע בריאה
האָסטו מיט דיין הויך באַהעלט.

„טויזנט יאָר איז אויך דאָך ווייניק
ליבן דיך — געדערכטן ליב.
מיר — צעווינטיקט און צעבלאָזן
ווי אין פעלד — דער לייכטער שטויב.

„איבער אונדז — אַ שוואַרצער וואָלקן,
היזת ברומען, — היט דיין שאָף;
דיין פאַריתומט פאָלק ישראל
קוקט פון טאָל צו דיר אַרויף.

„קער אונדז אום צוריק קיין ציון,
מלכא מלך מלכיא!
גרייכן וועט דאַן אונדזער ניגון
אַלע וועלטן — דאָרט און דאָ.

„אַלע וועלטן — דאָ און דאָרטן
פול וועט זיין מיט ליב צו דיר.
עפן אויף פאַר אונדזער תפילה
פון דיין הימל־הויך — די טיר“.

אַזוי זינגט אַ ייד זיין זמר,
אַזוי גיט דער ייד אָפּ שבח
אים, דעם מלך המלכים,
וועמעס אויג איז תמיד וואַך!

אַז דער טאַטע ווערט באַגייסטערט,
הערט זיך דעמאָלט ערשט אַ קול;
לעבעדיקער ווערט די חברה,
העכער, שטאַרקער וואָס אַמאָל.

טראָגט דאָס זינגען זיך אַריבער
פון דער שטוב אַרויס — אין גאַס.
שטייען מענטשן הינטער פענצטער
אָנגעגליטע מיט עקסטאַז.

פייכטן זיך דער מאַמעס אויגן,
ס'טריפט פון פרייד אַ טרער אַרויס:
אויגן פרומע, פול מיט ליבשאַפט,
פינקלען אין אַ יידיש־הויז.

יעדעס הויז האָט זיינע מענטשן,
יעדער מענטש זיין גלויבן האָט,
ווער קאָן אָבער זיך פאַרגלייכן
צו דעם יידנס דינען גאָט?

ער באַהעפֿט זיך מיט דעם בורא,
מיטן האַרצן, מיטן קאָפּ:
סיי ביים עסן, סיי ביים טרינקען
גיט ער גאָט זיין חלק אָפּ.

אין דער פֿרי — פֿאַר כוכבי בוקר,
שפּעט אין נאַכט, אין תּיקון־חצות;
יעדער יום־טוב, אינדערוואָכן —
אָן אַ גדר, אָן אַ מאָס.

אָבער פֿונעם שבת־קודש
איז קיין העכערעס ניטאָ:
ס׳גיסט זיך ייד צעגויף מיט שירה
פֿאַר דעם מלך מלכיא.

תּמיד איז אַ ייד פֿאַרנומען:
האַנדל, וואַנדל — אַ יאַריד.
קומט דער שבת אים דערמאָנען:
ביסט אַ מענטש און אויך אַ ייד!

טובֿלט ער זיין גוף אָפּ פֿרייטיק,
וואַשט אַראָפּ פֿון זיך דעם עול,
היינט די שול און די מאכלים —
ס׳איז אים טאַקע גוט און וואויל!

אָבער אין זיין העכסטן וואוילזיין
פילט ער דאָך פון גאָט דעם בליק:
יאָ, ער ווייסט, אַז עולם הבא,
איז דער בעסטער, העכסטער גליק.

אַ פאַרגאַפטער פון די זמירות,
פרום פאַרטיפט אין שבת־ליד,
פילט ער ניט פון וואָך די לאַסטן,
פילט ניט, אַז ער ווערט איצט מיד.

צאַנקנדיקע ליכט פון לייכטער
זאָגן אָן אים: „צייט פאַר רו“.
נעצט ער אָפּ די הענט צום בענטשן, —
דאַנקט הקדוש־ברוך־הוא.

⁂

ס'האָט דער דרויסן זיינע געסלאַך,
יעדעס געסעלע — איר קרייז;
שושקעט מען זיך אָן מיט סודות,
פון דער גאַנצער וואָך — די נייס.

היינט איז אויך דאָ אַ „סאָבראַניע“
פונעם אַרבעטער „קרוזשאָק“, —
אָט דאָס שמעקט שוין מיט סכנה,
מיט „נאַטשאַלסטוואָ“, מיט „אָסטראָג“.

די „סאָבראַניע" — ווייט פון שטעטל,
ערגעץ־וואו — „קאָנספּיראַטיוו", —
דאָרטן קלערט מען אויף די יוגנט,
לויט דעם קלאַסן־קאַמף־באַגריף.

טאַטעס, מאַמעס — זאָרגן, זיפצן,
ניט אומזיסט איז זייער חשד;
ווינציק נאָך זיך אָנגעליטן,
ווייניק צרות נאָך געהאַט?

בעסער נעמען זיך אַ ספר,
אַ סך שענער — אַט אַזוי.
זיפצט אַ ייד אַרויס פון האַרצן
אין דער שבת־שעה — אַן „אוי".

***

נאָר דער יונגער דור איז פרייער,
גייט אַוועק פון „אַלטן וועג";
חלומט פון אַ נייעם סדר, —
שיפּט זיך צו אַ פרעמדן ברעג.

קיינער קאָן די צייט ניט צאַמען
און מיט איר — אַ דור פאַרגייט.
יוגנט זינגט אַ נייעם ניגון:
ליד פון קאַמף — אַנטקעגן נויט.

***

שפּעט אין דרויסן און די יוגנט
קערט צוריק זיך פון שפּאַציר;
ערגעץ מאַכט מען צו אַ לאָדן,
ערגעץ שליסט מען צו אַ טיר.

ערגעץ פון אַן אָפן פענצטער
קוקט אַ קאָפּ אַרויס — פּאָרטראַכט.
ערגעץ פון אַ הויז — אַ ניגון
ברעכט די שטילקייט פון דער נאַכט.

כשוּת־קלאַנג פון כמה דורות
קלינגט פון אָט דאָס הערלעך־ליד;
שבת־מלכה, דיר לכבוד
שיר השירים זינגט אַ ייד.

אָט דאָס שיינע ליד פון ליבע
איז אין תוך — אַ משל גאָר
אויפן בורא און זיין אומה,
וואונדערלעכער זיווג־פּאָר.

יעדעס וואָרט האָט זין און תוכן,
מער ווי מעשהלע אַ שיינס;
כנסת־ישראל און די שכינה
זיינען אין דער וועלט — ווי איינס.

אפשר איז די מלכה־שבת
די שולמית פון דאָס ליד —
און איר איינציקער געליבטער
איז דער שבתדיקער ייד?

פרייטיק־נאַכט, נאָך אַזאַ סעודה,
מלך׳דיק און גייסטיק־רייך —
שפּילט פאַנאַדער זיך פאַנטאַזיע,
ווערט בבחינת שלמה גלייך.

איצט איז ער דער מלך שלמה
און פאַרחלומט זיך אויף וואָר:
אים אַנטקעגן שטייט שולמית,
אמתדיק — ער זעט זי קלאָר.

טאַקע די, פון שיר השירים,
יאָ, ער הערט איר קלאָרע שטים.
אָט דעם גאַנצן שיר פון ליבע
זינגט זי איצטער אויס צו אים: —

„דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען,
מלך שלמהס הייליק־שיר:
ס׳איז דיין קוש און ליבע דיינע
ליבלעכער ווי ווײַן צו מיר.

„ליבער מיינער, דיינע בשמים
און דער וואויל־גערוך פון זיי
גיבן לויב דיין גרויסן נאָמען, —
ליבשאַפט פון אַ יונגער פרוי.

"כ'וועל מיין שענצטע קלייד היינט אָנטאָן,
ס'וועט דיר וואוילזיין, מיין לבוש;
וועסט מיך, ליבסטער מיינער, צערטלען,
מיך באַהעפטן מיט דיין קוש.

„קום מיין ליבסטער, לאָמיר לויפן:
דו — ווי הירש און איך — גאַזעל.
איך וועל קומען צו דיין חדר,
כ'וועל אַריבערגיין דיין שוועל.

„שיין ביסטו, געליבטער מיינער,
ווי אַ הירש — אַזוי געשווינט.
שפּרינגסט אַריבער בערג און טאָלן
ווי אַ שטיפעריש יונגער־הינד.

„ס'האָבן זיך צעבליט די בלומען,
צייטיק איז אין פעלד — דער זאַנג.
כ'הער דאָס וואָרקן פון די טויבן,
פון די שניטער — דאָס געזאַנג.

„ביסט פון אַלעמען דער שענצטער,
פון דיר שענער — איז ניטאָ.
קום און גיב מיר פון דיין ליבשאַפט,
האַרץ גייט אויס פאַר אָט דער שעה.

„כ׳בין אַ ליליע פונעם שרון,
ווי פון טאָל — אַ יונגע רויז,
ווי אַ רויז צווישן דערנער,
צווישן טעכטער זעסטו אויס.

„ווי עפּלבוים צווישןביימער,
צווישן זין — מיין ליבסטער איז.
ס׳גלוסט מיך זיצן אין דיין שאָטן,
ס׳איז דיין פרוכט ווי האָניק — זיס.

„טעכטער פון ירושלים,
שוואַרץ בין איך און זעט — ווי שיין!
ווי פון קדר די געצעלטן,
ווי די ליליע מיט איר חן.

„כ׳בין אַ היטערין געוואָרן,
פרעמדע גערטנער — אָפּגעהיט,
און געלאָזט מיין אייגן גאָרטן
אין רשות פון פרעמדע טריט.

„אין די נעכט, אויף מיין געלעגער,
אין דער צאַרטער בענקשאַפט־שעה,
האָב איך אומגעזוכט מיין ליבסטן
און אים ניט געפונען דאָ.

„איך וועל אויפשטיין און אים זוכן,
כ'וועל באַטרעטן יעדע שוועל.
כ'האָב געזוכט און ניט געפונען
חבר מיינעם פון מיין זעל.

„איך באַשווער אייך ליבע טעכטער:
אויב איר זעט מיין ליבסטן וואו,
ניט דערציילט אים, אַז פון ליבע
בין איך קראַנק און האָב קיין רו.

„אָ, דו שענצטע פון די פרויען,
זאָג, אַוואו איז ער אַוועק?
וועלן מיר מיט דיר צעזאַמען
זוכן אים אויף יעדן וועג.

„ס'איז מיין ליבסטער אין זיין גאָרטן,
צווישן בייטן גייט ער אום,
קלייבט דאָרט ליליעס אָן און רויזן,
אַלץ פאַר מיר — זיין שענצטע בלום.

„קום אַוועק מיט מיר, געליבטער,
אין אַ דערפל, אויף אַ פעלד.
כ'וועל דיר דאָרט מיין ליבע געבן
און באַשיינען דיין געצעלט.

„ווי אַ זיגל אויף אַ כתיבה,
לייג מיך אויף דיין האַרץ אַרויף.
ווי דער טויט איז שטאַרק מיין ליבע,
פלאַמען ברויזן אין מיין גוף".

*
**

און ער ענטפערט שלמהס ענטפער,
יאָ, אים דאַכט זיך איצט צו מאָל,
ער איז דאָך — אָט דער געליבטער,
פריילעך קלינגט זיין יונגער קול:

„אָ, דו שענצטע פון די פרויען,
ביסט לעגענדע, טרוימען־לאָר.
אויגן דיינע ווי צוויי טויבן,
טויבן־פליגל — דיינע האָר.

„ווי אין אימפעט־לויף פון ציגן
פונעם גלעד־באַרג אַראָפּ.
אויף אַ האַלז ווי דודס טורעם,
טורעמט זיך דיין קרוינען־קאָפּ.

„בריסטן דיינע ווי צווײ הירשלאך,
צווילינגען פון אַ גאַזעל.
האָסט מיין האַרץ פאַרכשופט, כלה,
מיט אַ ליבע — ריין און העל!

„אָ, ווי שיין עס איז דיין ליבשאַפט
שוועסטער מיינע, כלה דו:
ס׳איז דיין ליבשאַפט פאַר מיר לעבן,
און די אומרו־נעכט — באַ רו.

„האָניק טריפט פון דיינע ליפּן,
מיט דיין קוש דו מאַכסט מיך זאַט.
ריח — פון די קליידער דיינע,
ווי לבנון אַראָמאַט.

„אָ, דו שוועסטער־כלה מיינע,
שיין דיין ליבע איז און וואויל:
בעסער פון די בעסטע ווײַנען,
מער פון יעדן בשמים־אויל.

„און ווי שיין אין די סאַנדאַלן
זיינען דיינע שטילע טריט.
כ׳זע אַ פעלד באַזוימט מיט בלומען,
דו, די שענצטע — אין דער מיט.

„קום מיט מיר צום באַרג לבנון,
קום, מיין טייערע, אויף גיך,
לאָמיר קלעטערן צוזאַמען
צום שפּיץ חרמון, דו — און איך.

„רונד ווי רינגען דיינע לענדן,
שניצונגען פון קינסטלער־הענט;
און דיין קאָפּ איז ווי דער כּרמל,
גומען דיינס — ווי ווײַן וואָס בלענדט.

מיט געהילץ פון צעדער־ביימער
אויסגעבויט האָב איך דיין הויז;
גערטנער — כּל המינים בלומען,
צווישן זיי שטראַלסטו אַרויס.

„ניט די וואַסערן פון ימים
וועלן אונדז צעשיידן מער.
ס'וואַרט אויף מיר איצט מיין באַשערטער,
מלך שלמה איז אָט דער.

„אונדזער ליבע איז אַ ריינע,
הייליק, יאָ, ווי גאָטס באַשאַף:
ס'רוט זיין ברכה אויף אונדז ביידן,
אָנגעחתמעט מיט זיין כּתב.

„קער דיך אום צוריק, שולמית,
שיינע טאָכטער, קער דיך אום.
אין דעם גאָרטן פון יהודה,
דו — די שענצטע מזרח־בלום.

„ביסט אין מלך שלמה׳ס אויגן —
די, וואָס ברענגט אים רו און פריד".
אַט אַזוי — אין שעה אין שפּעטער,
שיר השירים זינגט אַ ייד.

ערגעץ אין דער שעה דער שפּעטער,
טראָגט זיך פון אַ יידיש־הויז
עכאָס פון אַ לעצטן ניגון,
ווי די בענטשליכט גייט עס אויס.

ס׳האָט אים איינגעוויגט, דער ניגון,
אין אַ זיסן שלאָף אַריין
און ער שמייכלט אין אַ חלום,
אַך, ס׳איז גוט אַ פּרינץ צו זיין!

***

לעצטע שטיקלאַך ליכט אין לייכטער,
טאַנצן ליכטער, גייען אויס . . .
פינצטער ווערט אין שטוב און שטילער,
דאָ און דאָרט אַ שעפּטשן בלויז.

***

פול מיט שטערן איז דער הימל,
לאַנגזאַם, לייכט — אַ וואָלקן קריכט.
אינדערמיטן — די לבנה
שווימט און גיסט אַ בלאַסן ליכט.

גיסט איר ליכט אויף הייזער, פעלדער,
אויף דער גאַנצער גרויסער וועלט;
נאָר אַט קומט אַרויס אַ וואָלקן
און לבנה ווערט פאַרשטעלט.

שטיל אין דרויסן, אַלץ אין דרימל,
קיינער וואַכט ניט אַזוי שפּעט,
בלויז אַ ווינטל קומט צעפּליעז,
גיט דעם גראָז אַ לייכטן גלעט.

ס'מיאַקען קעץ, — ווי קליינע קינדער,
וויינען מוראַדיק אין נאַכט:
סטרא־אחרא, דער נישט־גוטער,
שדים־שפּיל — ניטדאָגעדאַכט.

***

נאָר דער ייִד — ער שלאָפט גאַנץ רואיק,
ער ווערט אָפּגעהיט, באַוואַכט:
דער „לא ינום ולא יישן"
איז זיין שומר — טאָג און נאַכט.

גאָט אַליין איז דאָך זיין שומר
און ער היט זיין „קרוין פון קאָפּ“,
האַלט אַן אויג אויף זיין בן־יחיד —
לאָזט אים ניט אין גלות אָפּ.

שלאָף־זשע, רויִק, אויסדערוויילטער,
האָסט אַ שומר בײַ דײַן בעט:
צערטלעך, איבער דיר געבויגן,
וואַכט ער תמיד — פרי און שפּעט.

**

אויף די פליגל פון אַ חלום
שלאָפט אַ פּרינץ אין זיסער רו;
אים צוקאָפּנס שטייט די שכינה,
שטייט הקדוש ברוך הוא.

אַלע הייליקע מלאכים
שטייען איצט דאָ אויף דער וואַך:
געטלעכע „פּרינצעסין־שבת“
רוט דאָך היינט אונטער זיין דאַך.

בײַ זיין רעכטער זייט — מיכאל,
לינקס — גבריאל שטייט און היט.
מחנות שרפים און אופנים
און דער גייסט פון גאָט, אין מיט.

אַלע ריזיקע געשטאַלטן
גייען איצטער דורך זיין טיר:
דוד שפּילט פאַר אים אַ ניגון,
רבי עקיבה זאָגט אַ שעור.

כמה דורות מיט צדיקים
טרעטן איבער פרום זיין שוועל;
זייער קדושהדיקע תפילה
צערטלט מאַמעדיק זיין זעל.

אויסגעליידיקט איז דער הימל
פון זיין גאַנצער רייך און גרויס;
גאַנצע פּראַכט פון בורא־עולם
איז אַצינד בא אים אין הויז.

ווער פון אים איז גרעסער, רייכער,
ווער פאַרמאָגט אַזאַ געַנוס?
ווּעמען מער האָט גאָט געהייליקט,
ווער איז זוכה צו דעם זכות?

אויף די פליגל פון אַ חלום
שלאָפט דער ייד אין גלות איין:
ישעיהוס „נחמו עמי“
גיט אים קראַפט אַ פאָלק צו זיין!

און הלוים ליד פון ציון
כפל'ט טויזנט מאָל זיין טרוים:
ריינער גלויבן! „אני מאמין" —
און „אחכה לו בכל יום".

***

אויף די פליגל פון אַ חלום
שלאָפט אַ פרינץ אין זיסער רו;
אים צוקאָפּנס שטייט די שכינה,
שטייט הקדוש ברוך הוא!

— — — — — —
— — — —



***

„מזמור שיר ליום השבת!"
ווי עס גיסט זיך דורכן האַרצן
אַזוי יום־טובדיק און פריילעך
אין אַ כאָר פון זיסע קלאַנגען:
„מזמור שיר ליום השבת!"

„מזמור שיר ליום השבת!"
ס׳שטאָמט דאָס ליד ניט פון קיין מענטשן,
נאָר מלאכים ווייסע האָבן
דאָס געזונגען אין גן־עדן
אין דעם ערשטן הויכן שבת
נאָך דער גרויסער וועלט־באַשאַפונג;
און די זונען און די שטערן —
אַלע האָבן מיטגעזונגען
„מזמור שיר ליום השבת!"

יהואש.

ס׳לעשן שטערן זיך אין הימל
און די נאַכט גייט שטיל אַוועק.
שטאָלץ קומט אָן דער מאָרגן־שטערן,
העלער ווערט דער מזרח־ברעג.

ס׳קרייט אַ האָן זיין „קו־קע־רי־קו —
איז צום שרייען גאָר אַ לייט;
וועקט פון זיסן שלאָף דעם יידן:
שטיי שוין אויף! עס איז שוין צייט!

„קו־קע־רי־קו“ — כוכבי־בקר,
הימל־רוים — אַ ים מיט שיין.
שטראַלן שפּיגלען זיך אויף שויבן,
שפּאַרן זיך אין שטוב אַריין.

גיט אַ איד אַ רייב די אויגן
און ער שפּרינגט פון בעט אַראָפּ.
זאָגט „מודה אני לפניך“,
ווי ער גיסט די נעגל אָפּ.

נאָכדעם וועקט ער אויף די קינדער:
„חברה, נו, — אַרויס פון בעט!
זעט ווי ליכטיק ס׳איז דער דרויסן,
מ׳טאָר ניט זיין צו „שחרית“ שפּעט.

קינדער קריכן פון די בעטן,
טועז שבתדיק זיך אָן.
צייטנווייז מען הערט פון ווייטן
קרייט נאָך וואו אַ שפּעטער האָן.

קינדער גיסן אָפּ די נעגל,
ערשטע מצווה — שבת־פּרי,
און עס זאָגט מיט זיי דער טאַטע
וואָרט פאַר־וואָרט — „מודה אַני".

„מודה אַני לפניך,
דיר אַ לויב — דו מלך חי".
קינדער זאָגן מיט כוונה,
שטימעלעך — אַ זינגערײַ!

נאָך דער ברכה טרינקען קינדער
מילך אַ גלעזל אויף שנעל אויס;
פאַרטיק איז שוין טאַטע־מאַמע
און מען גייט פון שטוב אַרויס.

***

ווי מען גייט אַרויס אין דרויסן,
שפּירט זיך פרישער מאָרגן־דופט;
היילּיק איז דאָך אַזאַ מאָרגן,
אַנדערש גאַנץ — די שבת־לופט.

ס'נעמט דער הימל זיך צעפֿאַליען
אין קאָלירן — רויט און ראָז;
בוימער — נאָך פֿון נאַכט פֿאַרחלומט,
טוי ליגט פֿריש נאָך אויפֿן גראָז.

אויפֿגעוואַכטע פֿולע זאַנגען
נייגן זיך צום יונג־באַגין.
זומער־פֿליגעלעך אין פֿלאַטער,
רוישן, זשומשען — צאַרט און דין.

שפּרייט דער הימל קוויטן־שטראַלן,
שבת־מאָרגן־זון — צעהעלט!
שבת קומט דעם טאָג אַנטקעגן
און באַגריסט די גאַנצע וועלט.

שבת קומט דעם ייִד אַנטקעגן,
ריין ווי פֿון אַ קינד — דער בליק;
שבת פֿלאַנטערט אױס דעם ייִדן
פֿון די וואָכעדיקע שטריק.

איבער הייזער — רו פֿון מאָרגן,
שבת שפּרייט זיך אויס אין שטאָט.
אייביק יונגע ייִדן שפּאַנען,
ליטערע — אין פֿרומען טראָט.

מיט זיין גאָט מתיחד ווערן,
גייט אַ פרומער ייד אַזוי.
אויף די ביימער גלאַנצן בלעטלעך,
ס'טריפט פון זיי דער מאָרגן־טוי.

אויף די צווייגן זינגען פייגל,
יידנס האַרץ מיט גאָט באַזעלט —
אויך די פייגל זינגען שירה,
שבת־קודש אויף דער וועלט!

פייגל טרעלן שבת־זמירות,
לויב צו גאָט אויף פייגל־שפּראַך:
יעדעס מורמל איז פאַר בורא,
אים אַ תפילה, אים אַ שבח.

פון דער ווייטן גייט אַ פאַסטוך,
טרייבט אין פעלד אַריין די פי;
אויף די בהמות בילט אַ הינטל
און מאַכט טומל אַזוי פרי.

זילבער־וואָלקנס, בלאָס דער הימל,
שטראַלן צויבערן די וועלט:
דרויסן כשופט און ער מאַניעט
יצר־הרעדיק אין פעלד.

נאָר דער ייִד, ער שפּאַנט זיך זיכער,
צום בית־מדרש — אײַלט זײַן טראָט:
דאַוונען, לערנען, ס'איז זײַן קיום,
פון אמונה — זײַן יסוד.

אויסגעשמידטער טראָט פון דורות,
פירט דעם ייִדנס גאַנג אַהין,
וואו ירושה פון זײַן אומה
גיט אין גלות אים — אַ זין.

***

אין בית־מדרש איז נאָך טונקל,
שאָטנס אויף די ווענט אַרום;
בא אַ שטענדער, אין אַ דביקות,
שאָקלט זיך אַ פּרוש, פרום.

געל ווי פּאַרמעט איז זײַן פּנים,
אויגן זײַנע — בליקן שטאַר.
אין די טיפע אויגן זײַנע,
שפּיגלט זיך דער גלות־צער.

לעבנס זײַנס — אין דער גמרא,
גוף, נשמה איז דערין:
ווייקט זיך טאָג און נאַכט אין תורה,
זוכט דעם סוד, פון זײַן — דעם זין.

אין דער נאַכט דאָס יאָר־צייט־לעמפּל
וואַרפט אים צו אַ קאַרגן שיין,
און באַגינען — דורך שפּאַרונע,
גנבעט זיך אַ שטראַל אַריין.

און דער ניגון פון זיין לערנען
איז אַ פידעלע וואָס וויינט:
„אוי, וואָס זאָגן די רבנן,
וואָס האָט רבאָ דאָרט געמיינט?“

און וואָס מיינט זיין אייגן לעבן
צווישן ספרים דאָ — פאַרמאַכט?
ס׳וויינט אַ קול פון אַ נשמה
אין דער שטילער, טיפער נאַכט.

⁂

אויף דער באַנק באם גרויסן אויוון,
שאָקלט זיך אַ צווייטער קאָפּ.
זיצט אַ ייד און איז דעם חומש
מעביר סדרה מיטן „טראָפּ“.

יעדער וואָרט איז ווי אַ רקוד,
„זקף גדול“ — גייט אַ גאַנג;
אויסגעציקלטער „שלשלת“,
רעגנבויגנדיקער קלאַנג.

שפּרינגען קלאַנגען אין דער לופטן,
ס'ווערט דער חומש — לויטער ליד:
„מהפּך פּשטא“ — „זקף קטון“
מעביר סדרה'ט אויס אַ ייד.

***

ס'עפנט זיך די טיר פונאַנדער
און דער שמש קומט אַריין;
דורך די גרויסע פענצטער־שויבן,
שטראָמט שוין ליכט פון זונען־שיין.

ס'קומט נאָך אים אַריין דער דיין,
קושט מזוזה, קוקט זיך אום;
וואַשט די הענט אָפּ בּאַ דעם האַנטפאַס,
זאָגט דעם „פּרק שירה“ פרום.

ס'ווערט בית־מדרש פול מיט יידן,
אויבן־אָן און נעבן טיר.
ס'קומען איינציקווייז אָן „שפּעטע“,
צווישן זיי — דער שטאָט־גביר.

ברייגנט דער שמש אים אַ סידור
און אַ טלית — ריינער זייד, —
ר' מנחם — זיין בעל יועץ,
שטייט ווי תמיד בּאַ זיין זייט.

ס'ווערט אַ פלאַטער פון טליתים,
פול די שול מיט פליגל־ווייס;
אָט צווישן דעם געפלאַטער —
הדרת־פּנימדיקער גרייז.

שטילקייט הייליקע און ציטער —
ס'איז רב' יונתל דער רב:
אויגן — ליכטיקע מנורות,
גוף — אַ שם־הויה־וואָו.

רב פאַרשיינט די „שטאָט" באַם „מזרח",
עדה קוקט צו אים אַרויף,
ער — פאַרטיפט אין האַרבן ענין,
אין אַ חקירה פון „אין־סוף".

פּלוצלינג גיט אַ קלאַפּ דער שמש,
עולם ווערט צו שחרית גרייט;
יעדער איינער לעם זיין שטענדער,
זאָגן ברכות שטילערהייט.

שטעלט ר' שמואל זיך באַם עמוד,
זיין חזקה — יאָרן לאַנג,
זעלטן ווען פאַרפעלט אַ שבת
אין זיין גאַנצן לעבנס־גאַנג.

ס'איז ר' שמואל שוין אַ זקן,
אָפּגעשוואַכט בײַ אים דאָס קול,
עך, אַוועק ווי רויך די יאָרן
און די גבורה פון אַמאָל.

נאָר געוואוינט איז שוין דער עולם
ניט דערהערן וואו אַ וואָרט.
מוסף אָבער איז שוין אַנדערש,
ס'קומט אַ חזן אויף זיין אָרט.

פריער אָבער קומט די תורה,
זי — דער ווייזער פון זיין וועג;
שבת איז זי אונדז מתקן
פאַר די וואָכעדיקע טעג.

עפנט מען דעם ארון־קודש,
„ויהי בנסוע" שרייט אַ קול:
„קומה השם ויפוצו",
זאָגן אַלע מיטאַמאָל.

טראָגט מען תורה צום באַלעמער,
אײַנגעהילט אין זייד און פלוש.
גרויס און קליין איר לויפט אַנטקעגן
מצוודיק זי טאָן אַ קוש.

יעדער וויל די מצווה האָבן,
ס'ווערט צום קושן אַ געלויף;
העלפט פון עולם גייט אין דרויסן,
ס'האָט די שול אַ גרויסן הויף.

אונטער יאַרמעלקעס און היטלען
טריפן טראָפּנס שוויים אַרויס,
ס'איז דער שול־הויף ממש תענוג,
יידן לופטערן זיך אויס.

דאָ און דאָרט ווערט אַ געזעמל,
מע צעטיילט זיך קופּקעסווייז:
בעל־הבתים, בעל־מלאכהס,
יעדער איינער מיט זיין קרייז.

און מען שמועסט זיך פאַנאַנדער,
צייט איז קיין עין־הרע דאָ;
ביז סע קומט צו „הגבה־גלילה"
נעמט אַמאָל אַ גוטע שעה.

באַ אַ זייט וואַקסט אויס אַ רעדל,
ס'ווערט אַ טומל מיטאַמאָל:
ס'ביייזערט זיך אַ ייד, האָט טענות, —
שילט דעם גבאי, ראש־הקהל.

ווײַל דער בית־דין זאָל עס וויסן,
ס׳איז דאָך אַ סקאַנדאַל, אַ גרויל!
שטאָט האָט אים אַנטזאָגט פֿון אַרבעט,
צוגענומען ס׳ברויט פֿון מויל.

יידן מורמלען, ס׳איז פֿאַרדראָסיק,
מ׳טאָר ניט שווײַגן, פֿע, ניט שיין,
און די טומלנדע אַסיפֿה
נעמט פֿאַמעלעך זיך צעגיין.

און אַ קופּקע „אויפֿגעקלערטע״,
איידעמס זיידענע אויף „קעסט״,
ריידן ניט פֿון תּורה לערנען,
נאָר פֿון „ביכלעך״ וואָס מען לעזט.

אברהם מאַפּוס „אהבת ציון״,
מיכה לעוועסאָנס אַ שיר;
ביכלעך פֿון אַן אַנדער תּוכן,
ס׳עפֿנט צו דער ווײַט — אַ טיר.

אינגלעך שטיפֿן, קרימען איבער,
אַ געטומעל, אַ געלאַף.
שול־הויף בײַ קריאת־התּורה
איז אַ וועלט פֿון ערב־רב.

די מער פֿרומע בלייבן תּמיד
אין בית־מדרש ביזן סוף —
איז דער שמש זיי מכבּד,
רופֿט זיי צו דער תּורה אויף.

יעמור ר׳ יעקב כּהן,
צו דער תּורה איַיל די טריט;
נאַדיר „ראשון“, ביסט אַ יחסן,
ס׳ווערט דיין יחוס אָפּגעהיט.

ערשטן כּבוד קומט דעם כּהן,
לוי — צווייטער אין דער ריי;
נאָכדעם „שלישי“, „שישי“, „מפטיר“,
יעדנס דרך אָט אַזוי — — — —

ס׳ווערן אויסגעטיילט עליות,
פֿריער קומט די „מזרח וואַנט“,
נאָכדעם רופֿט שוין אויס דער שמש,
יעדן איינעם — לויט זיין שטאַנד.

הייַנט די ברכה צו דער תּורה,
ס׳גיט דעם גאַנצן גוף אַ נעם:
אברים גיבן פֿרום אַ ציטער
ווען מען זאָגט אַרויס דעם „שם“.

דער בעל־קורא איז ר׳ חיים,
לייענט מיט אַ טעם — ער קען!
וואונדערלעך קלינגט קול נגינה,
אי מיט קדושה, אי מיט ברען.

נאָך „הפטורה“ — „הגבה־גלילה“,
מענטעלע — אין זילבער־שיין.
אויסגעפּוצט מיט „יד“ און „כתר“
ווי אַ תורה דאַרף צו זיין.

ארון־קודש — ברייט צעעפנט:
שטייט געגרייט און וואַרט אויף איר.
שטעלט מען דאָרט אַריין די תורה,
לאַנגזאַם מאַכט מען צו די טיר.

דער פּרוכת איז אַן עדות,
אַז דאָס אָרט איז הייליק, ריין,
דאָרטן רוט מיט איר די שכינה
און דער שומר — גאָט אַליין!

אויסגעטאָקטער ארון־קודש,
אויסגעפּוצט היינט ווי דער ייד:
לייבן צוויי אויף ביידע זייטן,
מגן־דוד — אין דער מיט.

אַלץ באַמאָלט מיט גאָלד און זילבער,
דער פּרוכת — רייך געצירט:
טרוים־פאַנטאַסטישע געוועבן —
מענטש און חיה, שאָף און הירט.

אַלע אבות ואמהות,
אדם, חוה און די שלאַנג;
משה, אהרון, מתן־תורה,
ביזן היינט — אין גלות־גאַנג.

אָבער שענער און פיל רייכער
איז די „ריניקייט" אַליין —
זי, די יחסנטע בא יידן,
פון אמונה זיינס — די קרוין.

אין איר זכות — ייד קוואַלט מיט לעבן,
שטאַרקט זיין קיומדיקן טראָט.
גוף, נשמה — גלייך באוואַכטע
פון צוויי שומרים — זי און גאָט!

יידנס מזלדיקער זיווג
אינעם גאַנצן וועלט־באַשאַף;
ס'איז בשותפותדיק געחתמעט
מיט באַרג סינידיקן כתב.

ס'קומט אַריין דער דרויסן־עולם,
חזן — באַ דעם עמוד שוין;
מוסף, אינעם טאָג פון שבת,
איז פאַר ברוך־הוא — אַ קרוין.

מוספדיקע שמונה־עשרה,
ס'פּליסט פון האַרצן שטיל, אַ קול:
קול וואָס מאָנט אַ דין וחשבון
פאַר די ליידן אָן אַ צאָל.

יעדער אײנער — ביחידות,
דביקותדיק און פרום פאַר גאָט,
זאָגט: „מי כמוך אב הרחמים“,
בעט פאַר הימלישן גענאָד.

יעדע תפילה האָט איר נוסח
מיט איר תמציתדיקן תוך:
אײנס — איז ווי אַ ליד פון חדווה,
צווייטע — פול מיט זיפץ און אָך.

אײנס — מיט גלויבן און בטחון
אָן דעם פּחד פאַר געפאַר;
צווייטע — פול מיט צער און אימה,
גאָט באַהיט — די שעה פון גזר.

ס'ווערט דעם יידנס גאַנג פון לעבן
תמיד פון די צוויי באַגלייט:
אין דער וואָכן — גרויע וואָלקנס,
שבת — ליכט פון זונען־פרייד!

שטייט ביים עמוד אַ „סניגור",
ס'איז זיין קול — אַ מאָנונג־שטראָם.
חזן איז אַ מליץ־יושר —
רחמים פאַר דעם „כל העם".

שטייט דער חזן בא דעם עמוד,
העלפער זיינע — אַרום אים:
הוסטן, כריפּן, ברומען אונטער,
זיי פּרובירן אויס די שטים.

„מכלכל חיים בחסד,
מחיה מתים — דו, דו".
חזנס טאָן ווערט העכער, שטאַרקער,
די משוררים העלפן צו.

„סומך נופלים, רופא חולים,
גאָטעניו, מי דומה לך?!"
ס'איז זיין קול אַ קנויל תחנונים,
שטיל זינגט אים די עדה נאָך.

„תכנת שבת“, „אלהינו“,
יעדעס וואָרט — אַ מעכטיק שטראָם!
צו די הימלען גרייכט זיין תפילה
פון פאַרצווייפלדיקן תהום.

ס'ווערט דער הימל פול מיט תפילה:
ס'איז דער שבת פעסט־געשטעלט;
„קדשנו במצותיך“
בעטן מיר דאָ, אויף דער וועלט.

ווערן יידן מיטגעריסן:
אַיי — אַ חזן! צוקער־זיס.
אַלע העלפן זיי אים אונטער,
ס'הייבן ממש, זיך די פיס.

אין דער ווייבער־שול, דאָרט אויבן,
נעמט זיין זינגען אויס ביז גאָר;
אוי, אַ דאַוונען! טאַטע זיסער!
כ'זאָל נאָר האָבן אַזאַ יאָר!

פון איר אָרט, אין עזרת־נשים,
וואַרפט אַ מאַמע בליקן — שטום:
קוקט אַראָפּ אויף מאַן און קינדער,
ס'נעמט אַ פרייד איר האַרץ אַרום.

טרערן זיך דער מאַמעס אויגן,
קוקט אין סידור און אויף זיי:
מישט זיך פרייד בא איר מיט טרויער,
גליק מיט טראָפּנדלעך פון וויי.

מישט זיך פרייד בא איר מיט טרויער,
צוויי באַגלייטער — טריט נאָך טריט:
לאַסט פון וואָגלדיקע דורות,
דאָס פאַרגלותטע דעם געמיט.

***

נאָכן דאַוונען זאָגט מען „קדיש“,
שטייט אַ יתומל — אוי וויי!
אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען,
גאָר אַ קינד נאָך — שוין אָן זיי.

פאַלט אויף מאַמען אָן אַ טרויער,
אין די אויגן — שטומער צער;
נאָר די מאַמע האָט בטחון,
גאָט — ער היט זי פון געפאַר.

קדיש זאָגן — אָט די תפילה
„יתגדל ויתקדש!“
עפנט אויף די זיבן הימלען,
ווי אַ דונער, מיט אַ רעש.

אָ, אײַך אַלע נאָנטע, ליבע,
אײַך װאָס זײַנט שױן מער ניטאָ —
זאָל אַ תיקון זײַן די װערטער:
„ויתקדש שמיה רבה!“

„אָ, איר הײליקע נשמות,
בעטער זײַט פֿאַר אונדזער צער;
אין ישיבה של מעלה —
בײַם אַלמעכטיקן, דעם האַר!“

ייִדיש־קול רײַסט אױף די הימלען,
אונטן — לײדן, אױבן — שכר;
די עליה צו די הױכן
איז אַ לױן דעם ייִד אין צער.

„אין כאלהינו, אין כאדונינו,
ס'איז צו דיר קײן גלײַכן דאָ;
געלױבט זײַ גאָט, אונדזער מלך,
מלכא מלך מלכיאָ!“

נאָך „עלינו“ — אָפּגעדאַװנט,
לאַנגזאַם טוט מען טלית אױס;
שבת דאַרף מען זיך ניט אײַלן,
טאָג איז קײן עין־הרע — גרױס!

בעל־הבתים — אפּ צום „מזרח“,
אויפן חזן טאָן אַ בליק;
יידן ווינטשן אים „גוט־שבת“,
ער — כּפלים זיי צוריק.

אַלט און יונג — מיט יראת־כּבוד
רינגלען זיי דעם רבּ אַרום;
שכינה שטראַלט דאָך אויף זיין פּנים,
אויגן זיינע — טרוימען פרום.

***

לאָזט דער עולם זיך אינדרויסן,
דרויסנדיקע שיינע וועלט!
אומעטום גאָטס קדושה־שטראַלן,
גאַסן — שבתדיק צעהעלט!

נשים פירן אַ יונג־ווייבל,
שטיל מקנא איז מען איר:
זי — אַ רויז אין רעכטן בליען,
אויסגעפּוצט אין רייכן ציר.

און דער יונגער באַלעבעסל
גייט זיך — מיט דעם רבּ פּאָראויס;
נאָך זיי שפּאַנט אַ מנין יידן,
„כּיבוד“ צו דעם שווער אין הויז.

זעט אַ רחבֿות, קיין עין־הרע!
חן באַשטראַלט די גאַנצע שטאָט;
זון צעשטראַלט זיך מיט אַ נחת,
אָי, דערבאַרעמדיקער גאָט!

שבתדיק צעהעלטע גאַסן,
לויטערקייט אין דעם געמיט;
יידן גייען פריי און פריידיק,
זיכער, האָפערדיק די טריט!

טאַטע־מאַמע — גאָטס אַ זיווג,
אויסגעטאָן פון וואָך, באַפרייט!
ער — אַ פרינץ אין היכל־שבת,
זי — פרינצעסין בא זיין זייט.

אָט אַזוי, צו זייער „פאַלאַץ“,
קומען אָן די ליבע צוויי.
אַ געגרייטער טיש — מעדנים,
עך! אַ טשאָלנט וואַרט אויף זיי.

טשאָלנט גיט דעם טעם צו שבת,
טשאָלנט־פאַרע — אַ גענוס;
זיסער מאכל, בריינגסט דעם יידן
פון באַרג־סיני — אַ גערוס.

אויפֿן טיש אַ שיסל קאַשע,
דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ;
אָט מען טראָגט אַ פֿעטן קוגל,
אַ געפּרעגלטער אין שמאַלץ.

משקה, רעטאַך, קאַשע, קוגל,
אַלץ איז דאָ, אויך אַפּעטיט;
נאָכדעם קומט אַ הערלעך ניגון,
דאָס „השומר שבת" ליד.

ווען עס פֿאַלט אוים שבת שירה,
זינגען פֿויגל אויפֿן דאַך;
ס'קומט זיי היינט אַ חלק טשאָלנט
טאַקע נאָר, אויף אָ, דעם סמך.

פֿויגל הערן אויך די פּרשה
פֿון בשלח, — זאָגן מיט:
סוויסטשען אוים אויף זייער שטייגער
אָט דאָס הייליק שבת־ליד.

ס'אַרט זיי ניט דער פֿראָסט, דאָס שנייען,
שפּירן ניט קיין סימן קעלט;
דעכער יידישע איז זוכה
וואַרעמען די גאַנצע וועלט.

קינדער טראָגן פולע טעלער
קוגל, קאַשע: „נאַט אײַך, עסט!“
צוליב שבת שירה װעגן
זײַנט איר הײַנט דעם ייִדנס געסט.

***

נאָכן טשאָלנט — זאַט און פֿרײלעך,
װערט דער ייִד באַלעבט װי נײַ;
זינגט ער זמירות נאָך געשמאַקער,
קלאַנג פֿון „עם ישראל חי!“

און אין גרױס עקסטאַז אין פֿרומען,
װערט דער טאַטע יונג צוריק;
ליכטיק װי די זון — זײַן פּנים,
ים מיט ליבשאַפֿט אין זײַן בליק.

די נשמה װערט דערהױבן,
פֿליט צום בורא, װערט פֿאַרפֿרומט;
זינגט דער טאַטע: „כי אשמורה“,
דאַנק און לױב פֿון האַרצן קומט.

„ברוך אל עליון“ — ס׳איז אַ ניגון
יעדן ייִדן װאױל באַקאַנט:
ליטע, פּױלן און אוקראַינע,
יאָ, כּמעט אין יעדן לאַנד —

אומעטום, אין אַלע לענדער,
אויף אַ ווייטן ישוב־שליאַך,
הערט מען דעם „השומר־שבת“
און אַ פּסוק פון תנ״ך.

ווי די שטערן אויפן הימל,
ווי דער זאַמד ביים ברעג פון ים,
ליגט צעשפּרייט דאָס פאָלק ישראל,
אָט דער אויסדערוויילטער שטאַם.

פירט אים דורך — דורך אַלע תהומות,
היט אים אויס פון יעדער פּלאָג;
האָט אַ בונד מיט גאָט געשלאָסן, —
צייכן — שבת־קודש־טאָג!

„היט איך אָפּ דעם שבת־קודש —
ווער איך דאַן פון גאָט באַוואַכט;
האָט אַ בונד מיט אונדז געשלאָסן,
לדור־דורות אָפּגעמאַכט: —

„ניט צו האַנדלען, ניט צו וואַנדלען,
רו מוז הערשן איבעראַל.
טיפן זיך אין תורה זיינער,
שעפּן חכמה פון איר קוואַל.

„היינט מוז זיין אַ טאָג פון תענוג:
ווייַן און חלה, פלייש און פיש;
די וואָס זיצן דאָ פאַרדאגהט,
זיי פאַרשטערן שבת־טיש.

„שבת טאָר מען ניט פאַרשווערכן
מיט קיין גלות־צער און לייד;
שבת איז דאָס ליכט פון לעבן,
שבת איז אַ טאָג פון פרייד!

די נשמה פונעם יידן
איז ווי שבת — הייליק, ריין:
טובלט זיך אין לויטער תפילה,
„אמן“ ענטפערט גאָט אַליין.

„גאָט האָט בונד מיט אונדז געשלאָסן,
לדור־דורות אָפּגעמאַכט:—
„ניט צו האַנדלען, ניט צו וואַנדלען,
טיר פון וואָך איז היינט פאַרמאַכט!“

זינגט אַזוי דער טאַטע זמירות
און דער פּנים זיינער שיינט!
נאָך די זמירות קומט דאָס בענטשן,
אַ „מזומן“ אויך דאָ היינט.

אויפֿן טיש — מים־אחרונים,
אַלע נעצן פֿינגער אײַן:
לאָמיר איצט, רבותי, בענטשן,
זאָל געלויבט זײַן נאָמען זײַן!

„לויבט און בענטשט זײַן ליבן נאָמען,
שאכלנו משלו,
נותן לחם לכל בשר —
ברוך הוא וברוך שמו!"

בענטשט דער טאַטע און די אורחים
זאָגן וואָרט אין וואָרט אים נאָך;
שבת דויערט לאַנג דאָס בענטשן,
ווערטער — פֿול מיט זין און תוך.

פּלוצלונג בלײַבט פֿאַרטראַכט דער טאַטע,
טיף פֿאַרחידושט אין געדאַנק;
צאַמט מחשבה אים דאָס „בענטשן",
ציט ער עס אין „לאַנגער באַנק".

הויך רעיונות, טיף־געהיימע,
האַרבע שאלות אָן אַ סוף;
בלעטערט אויסנווייניק ספֿרים,
תורה — אלף ועד תיו.

טאַטע האָט געלערנט תורה:
שבעל פה און שבכתב;
יעדן טאָג, נאָך שווערן פדיון,
לערנט ער נאָך אָפּ אַ „דף“.

אין די יונגע יאָרן זיינע
האָט ער תשוקה שוין געהאַט,
נאַשן פון די חכמי־יון,
זיין נתפעל פון סאָקראַט.

האָט געפרעגט, ווי ער געחקירהט,
און געזוכט פון „זיין“ דעם סוד,
הן די אמתן און סתירות,
שייכותן פון מענטש צו גאָט.

תשובות אויף די אַלע קשיות
זיינען דאָ, אין דעם רמב״ם;
אָט דער גרעסטער גייסט אין לומדות,
ער אַליין — אַ תורה־ים.

אַלץ געפינט איר אין זיין ספר,
אַלץ פאַרענטפערט ער אין דעם —
זין פון געטלעכער השגחה
אין דעם גאַנצן וועלט־פאַרנעם.

גאָט איז אייביק, ניט צעטיילבאַר,
וואָס איז ער ניט און וואָס — יאָ?
פול די וועלט איז מיט זיין קדושה,
אַלע שפּירן — ער איז דאָ!

לויטן כמות, לויטן איכות,
פול די וועלט מיט זיין געבאָט:
„שמע ישראל, — אלוקינו",
אַל־אומענדלעך און אחד!

ס'איז אין וועלט פאַראַן אַ סדר,
דרך צו אַ וועלט באַנעם;
ס'איז ניט למעלה מן השכל,
גאַנץ יצירה האָט סיסטעם.

אַלץ איז וואונדער, אַלץ פאַרשטענדלעך,
ס'איז פאַראַן פאַר וועם, פאַר וואָס;
ס'איז דאָ סיבה, פועל־יוצא,
ס'האָט די וועלט אַ באַלעבאָס!

ס'דורשט דער מענטש, ער זוכט דעם אמת,
ניט אויף אַלץ זאָגט ער — „כי טוב";
וויל מתקן זיין מיט עפּעס,
ניט צו בלייבן וועלטס בעל־חוב.

זוכט ער דאָ און דאָרט א רמז,
פון השגחה דעם מהות;
גוטע מצוות און מנהגים
איז פאַר עולם הבא — זכות.

אַז אַ ייד טוט לערנען תורה,
איז זיין לערנען מער ווי סתם;
מעשים — דאָס איז סאַמע עיקר,
רייַן ווי תורה אָן אַ פּגם.

מידת דין און מידת רחמים,
סאַמע גרונט פון דער מאָראַל;
צדק פאַר אַ יעדן איינעם,
חסד פאַרן גאַנצן כלל.

— דער „בין אדם לחברו“
אַ געבאָט מקדמת דנא;
ס'איז אַ „חוק ולא יעבור“
פאַר ישראל — יונג און גראָ.

שיטות זיינען דאָ אַפּולע,
אומענדלעך ס'איז זייער צאָל:
שיטות פול מיט קדושה־ווערטן,
אַנדערע — בלויז דברי־חול.

וועלט באַשטייט פון צוויי יסודות,
איינער מאַכט עס פּאַר אַ כלל,
קומט אַ צווייטער און איז סותר,
ראיות ברענגט ער אין דעם פֿאַל.

איז וועלט־באַשאַפֿט אַ יש־מאין?
צי אַ קדמון איז די וועלט?
יעדער גריבלער מיט זיין פּירוש
טייטשט עס אויס ווי אים געפֿעלט.

ליכט און חושך, טויט און לעבן,
שכר ועונש — אַלץ איין קייט;
וויפֿיל נסתר און רמזים,
גאָט אַליין ווייסט דעם באַשייד.

גיי שעפּ אויס די סתרי־תורה:
גרונטלאָז, סודותדיקער קוואַל;
זוהר און די מקובלים
ביז אר״י, חיים וויטאַל.

היינט די טיף פון ווילנער־גאון?
מוסרניק־סאַלאַנטער־פֿליכט;
פון די ספרים שטראַלט די שכינה
און פֿאַרפֿלייצט די וועלט מיט ליכט!

ס׳מוז די וועלט געליכטיקט ווערן,
זיין געלויטערט נאָכאַנאַנד;
און אָט דער וואָס לערנט תורה
טראָגט אַ ליכט פון גאָט אין האַנט!

מרבה תורה מרבה חיים,
ס׳איז פון לעבן דער יסוד.
און אָט דער וואָס לערנט תורה,
ווערט אַ שותף גלייך צו גאָט!

תורה לערנען — יידס עשירות,
גאָטס געגעבענער נדן;
עולם הזה, עולם הבא —
ביידע וועלטן האָט ער דאַן.

תורה איז דאָך — אייביק לעבן,
אייביק לעבט דערפאַר דער ייד,
און אַוואו עס גייט ישראל,
גייט דער ספר מיט אים מיט.

תורה קייטלט ייד מיט המשך,
חוק פון דעם „וחי בהם“;
ס׳גיט אים גלויבן, ס׳גיט אים גבורה —
שטאַרבן על קדושת־השם.

הויך רעיונות, טיף געהיימע,
דמיונט אוים אַ שבת־ייד — — —
גוף און מות נעמען דרעמלען,
פונעם טראַכטן ווערט ער מיד.

שליסן זיך די אויגן זיינע
איילט ער מיטן בענטשן צו;
וויל זיך צולייגן אַביסל
טועם זיין פון שבת־רו.

זעגענען זיך אָפּ די אורחים,
אַל־דאָס־גוטס זיי ווינטשן אָן.
ס׳ווערט אין שטוב אַביסל שטילער,
טאַטע גייט אַ דרעמל טאָן.

ציט זיך אוים אויף דער „קאַנאַפּע“,
ברייטלעך — אָט ווי מעשה גראַף;
זעען דאָס די קינדער זיינע,
ווערט פון חברה אַ געלאָף.

קינדער קריכן צו דעם טאַטן
און מען שטופּט זיך פּאַר אַן אָרט;
דאָס מוזיניקל — פון אויבן
כאַפּט אָן גלייך דעם טאַטנס באָרד.

און די שטיפערין די קליינע
נעמט זיין באָרד אין מויל אַריין;
קינדער — מידע פונעם שטיפן,
שלאָפן מיטן טאַטן איין.

שנעל צעלויפן זיך די „גרויסע״,
ס'איז אין דרויסן פריי און שיין;
ווערט די שטוב ווי אויסגעליידיקט,
מאַמע בלייבט מיט זיך אַליין.

***

זעצט זי זיך אַוועק לעם פענצטער,
ס'בלאָזט אַ ווינטל — ליבלעך, קיל;
האַלט אין שוים דעם „צאינה־וראינה״,
לייענט האַרציק, מיט געפיל.

אַלט דאָס ספר, בלעטער — געלע,
דאָ און דאָרטן פעלט אַ בלאַט.
וויפיל בעטער, וויפיל טרערן,
האָט דער ספר שוין געהאַט?

און דער ניגון — אויך דערזעלבער,
פשוט, האַרציק, אמת־פרום;
אַזוי פריער, אַזוי איצטער —
יידן ווײנען אומעטום.

פונעם פענצטער שוועבט אַ ניגון,
פון די אויגן טריפט אַ טרער:
תחינה־קלאַנג אויף מאַמעס ליפּן,
וואָרט אין וואָרט אין פרום־באַגער.

עדות פון אַ הייליק ליידן,
ווי פאַר גאָט — די שכינה ריין;
שרה׳לע בת טובימס תחינות,
ווי די מאַמע — פול מיט חן.

„צאינה־וראינה“, „קב־הישר“,
תפילות, תחינות — אַלערליי:
וויפיל טרייסט פאַר שווערע הערצער,
וויפיל שכר פאַר פיין און ווי.

האָט איר ווען געהערט דעם ניגון
פון דער מאַמעניו אַמאָל?
שטיינער פלעגט זי קענען רירן
מיט איר תחינהדיקן קול:—

„האַר פון וועלטן! ווער קאָן מעסטן
מעשים דיינע אָן אַן עק?
האָסט באַשאַפן ערד און הימל,
אַלע ברואים — אין זעקס טעג.

„נעבן פענצטער זיצט די מאַמע,
לייענט האַרציק וואָרט אין וואָרט:"

„אין דעם זיבעטן — דער שבת,
טאָג געהייליקטער — דיין רו.
דו האָסט, גאָט, דיין פאָלק ישראל
אָנגעזאָגט צו טאָן — ווי דו.

„האָסט דיין ליבן פאָלק געבאָטן
ניט צוריידן פּראָסטע רייד;
שבת קוואַלט מיט דברי תורה,
יעדער ייד ווי ער פאַרשטייט.

„— זכות פון אונדזער מוטער, שרה,
ווען מען האָט געפירט איר קינד,
יצחקן צו דער עקידה, —
זיי מכפּר אונדז די זינד.

„— זכות פון אונדזער מוטער, רבקה,
גורם זיי פאַר אונדזער וואויל;
יעקב קריגט די ערשטע ברכה
פון זיין פאָטער, יצחקס מויל.

„— זכות פון אונדזער מוטער, רחל,
פאַר איר צער און גרויס געוויין;
אויף די וועגן פון בית לחם
שטייט איר קבר דאָרט אַליין.

„— פונעם קבר טראָגט זיך תמיד
רחלס גרויס געוויין פאַר גאָט:
רחל בעט פאַר אירע קינדער,
פאַר איר פאָלק — דעם נע־ונד.

„— זכות פון אונדזער מוטער, לאה,
ס'האָט אויף איר געפאַר געדראָט —
טיילן זיך מיט עשיוס גורל,
האָסט פאַרהיט, א ליבע דיר, גאָט!

„— זכות דעם גרויסן פון די אבות,
זכות פון זייער חסד־שיין,
און אין זכות פון שבת־קודש
וואָס טוט אויס פון וואָך און פיין.

„אין די זכותן — גאָט געטרייער,
בעטן מיר דיך: לייז אונדז אויס!
ברענג אונדז קיין ירושלים
און באַני דיין הייליק־הויז".

***

אַזאַ זאָגן! אַזאַ בעטן!
ניין, מען הערט עס שוין ניט מער.
היינט — אין יידנס ערגסטן מצב
ווישט ניט קיינער אָפּ אַ טרער.

לאַנג פֿאַרקלונגען איז דער ניגון,
פֿון דער תּפֿילה — אָפּגעפֿרעמדט;
שׂרה, רבֿקה, רחל, לאה —
שטייען איצט פֿאַר גאָט פֿאַרשעמט.

מאַמעס תּמימותדיקע ריינקייט
און איר רחמימדיק געבעט,
איז פֿאַר מיר נאָך איצט — נחמה,
ווי אַ האַנט וואָס צערטלט, גלעט.

איצט, ווען האַרץ איז אויסגעליידיקט,
ווײנט אַפֿילו שוין ניט מער —
גייט מיין נפֿש אויס פֿון בענקשאַפֿט,
כ׳בויג מיין קאָפּ און גיס אַ טרער.

אין מיין אַש־פֿאַרברענטן לעבן,
גליט אַ פֿונק נאָך פֿון אַמאָל:
בײַ די בענטשליכט — מאַמעס תּפֿילה
און איר „צאינה־וראינה" קול.

***

נעבן פֿענצטער זיצט די מאַמע,
לייענט האַרציק וואָרט אין וואָרט:
זי איז זיכער, אַז אין הימל
גאָט אַליין הערט איין זיך דאָרט.

זי פאַרקנייטשט אַ בלאַט אין ספר,
גיט אַ קוש, מאַכט פרום אים צו,
און זי גייט אַרויס אין דרויסן,
ריין פאַר גאָט — דעם ברוך הוא !

ריין פאַר גאָט און אויך פאַר לייטן,
פול מיט ליבשאַפט אָנגעגליט:
אין דעם זכות פון מעשים טובים
ווערן גרינגער אירע טריט . . .

**
*

מאַמע גייט אַרויס אין דרויסן
מיט בטחון אין איר טראָט:
זכות — די בענטשליכט און די תחינות,
זכות פון שבת, גאָטס געבאָט ! ———

— — — — — — — — .

— — —

שבת־צו־נאכם

*
* *

"די גניאַלע שאַפונג פון יידישן פאָלק, דער שבת, וועט נאָך ווידער אָנהויבן צו לויכטן מיט איר גאַנצן פראַכטיקן גלאַנץ אין די אויגן פון די געבילדעטע פעלקער.

די פאָדערונגען פון דער מענטשליכער נשמה וועלן נישט אויפהערן צו אינטערעסירן די קולטור־פעלקער. און ווידער וועט מען זיך פאַרקוקן אויף אונדזער שבת־מלכתא, און ווידער וועט אונדזער פרינצעסין ווערן צו אַ וועלט־סימבאָל."

בעל־מחשבות

*
* *

"פון ערגעץ דערטראָגט זיך די שירה פון שבת
און קומט פון דער ווייטנס מיט איידעלן ניגון,
ווי ס'ריזלען פון בערג די פאַרבאָרגענע קוואַלן
און טוען מיט שטילן געזאַנג אַלץ פאַרוויגן.

"און פול איז דאָס ליד מיט אַ צערטליכן קומער,
מיט נאַכטיקער שלווה און ליכטיקע פריידן,
מיט לעכצן פון גלויביקער צאַרטער נשמה,
וואָס ברעכט אַלע וואָכיקע פענטעס און קייטן"

א. ש. שוואַרץ

(יידיש : י. . שווארץ)

שיינער טאָג פֿון רו און פֿרידן,
מיט דיין קומען ברייגסטו גליק;
שמייכלסט ליבלעך צו דעם יידן,
ווערט פֿון נחת יונג צוריק!

ווישט אים אָפּ די זאָרג פֿון פּנים
ווי דו ווייזט זיך אויף זיין שוועל;
זיין נשמה זינגט אויס הלל,
שיר־השירים אין זיין זעל!

אויך די הייזער העל באַגילדטע
פֿון דער שבת־זון צעשיינט:
באַלעבאַטיש, העכער, שטאָלצער,
אמתע „פּאַלאַצן" — היינט!

טירן זיינען ברייט צעעפֿנט,
פֿריזבעס נעבן יעדן הויז.
יונגע מאַמעס — אויסגערוטע,
ניאַנטשען עופּעלעך אין שויס.

זיידעס, באָבעס, פֿעטערס, מומעס,
גאָר די קרובים — אַלערליי.
וואָך איז מען בא זיך פֿאַרנומען,
שבת ברענגט צעזאַמען זיי.

נעבן הויז — אין קליינעם גערטל,
זיצט משפחה, רעדט זיך אוים.
קינדער שפּרינגען איבער בייטן,
רייסן יאַדרעס פון אַ רויז.

קינדערלעך — גאָר יאַדרעס רייסן,
שבת־קודש דאָך אַצינד!
רייסן יאַדרעס, נייז, מען טאָרניט,
גאָט קאָן שטראָפן — ס'איז אַ זינד!

*****

דבורהלע, דעם ספרס טאָכטער,
זיצט פאַרחלומט אויף די טרעפּ;
אויף איר שיינעם קאָפּ, פאַרפלאָכטן
קיטקעדיק — צוויי שוואַרצע צעפּ.

אירע אויגן — ווי נר־תמיד
פינקלען היינט אין פרומען בליק;
זיצט און טראַכט פון איר „באַשערטן"
און פאַרחלומט זיך אין גליק.

יאָ, אין שול היינט, בא דער תורה,
האָט זי יאָסעלען געזען;
הויך האָט ער געמאַכט די ברכות,
זאָל זי הערן ווי ער קען!

איצטער זיצט ער מיט איר טאַטן,
ביידע לערנען תורה היינט:
מיר איז אָפּן, יאָ, זי זעט אים,
און, ווי שיין זיין פּנים שיינט!

דבורהלע, אויף טרעפּ, פאַרחלומט:
ער — איר חלום, דאָרט, אין הויז;
ער — אַ שטאַרקער בוים, אַ רייפער,
זי — אַ צווייט־צעבליטע רויז.

שניידער־יונגען — נאָך אין לערע,
שלייף אין קראַגן — לייטיש, שיין;
זיי — מיט פריילינס אויסגעפּוצטע,
לאָזן אויף שפּאַציר זיך גיין.

יעדער האָט זיך זיין „באַשערטע",
ראָמאַנסירט אויס זיין „ראָמאַן";
גאַנצע וואָך געשפּאַנט אין אַרבעט —
איז אַ שבת דאָך פאַראַן!

בערל גייט פאַרביי זיין חנהען,
עפנט לאַנגזאַם אויף איר טיר:
„נו, דו ווילסט היינט גיין שפּאַצירן?"
„יאָ — זאָגט זי — איך גיי מיט דיר".

חנעוודיקע כלה־מיידלעך,
טעכטער יידישע — פול־חן:
שטאָלץ שפּאַצירן מיט חתנים,
סאָסנעס שלאַנקע — הויך און שיין.

ס׳גייען פּאָרלעך, גאַנצע כאָפּטעס,
פול דער וועג איז מיט שפּאַציר;
פול איז דער שאָסיי מיט שמועס, —
פרייד, געלעכטער אָן אַ שיעור.

אָן גייט יאָשע און זיין קליאַטשע
אונטערטעניק — שלעפּט זיך נאָך;
ביידע מידע און פאַרשלעפּערט,
פון פאַרפּראַצעוועטער וואָך.

פירט זיין קליאַטשע צו דער פּאַשע,
ביידע אַלטע, ביידע שוואַך;
שווער געאַרבעט — פערד און יאָשע,
ביידע — אויפן זעלבן שליאַך.

***

זון — אין מיטן העלן הימל
בלענדט די אויגן מיט איר שיין;
ס׳רופט די מאַמע געסט צו „כיבוד״,
עולם גייט אין שטוב אַריין.

עס דערוואַכט פון שלאָף דער טאַטע,
נאָכן טשאָלנט דורשט אין מויל;
נאָכן טשאָלנט, נאָכן דרעמל,
שמעקט אַ גלעזל טיי גאַנץ וואויל.

וואַסער — אָנגעגרייט פון פרייטיק,
פון דער „קרעניצע" געשעפּט;
קאָכעדיקער ליאַק מיט פּאַרע,
ס'ווערט די גאַנצע שטוב באַלעבט.

אין דער „יאַרמעלקע", דער טאַטע,
זיצט זיך מלכותדיק ביים טיש;
טרינקט דעם הייסן טיי פּאַמעלעך,
פילט זיך אויסגערוט און פריש.

האַלט פאַר זיך דעם סידור אָפן,
מישט ער אין אים בלאַט נאָך בלאַט:
"פרקי־אבות" — פול מיט חכמה,
וואויל צו דעם וואָס ווייסט דעם פשט.

„פרקי־אבות", „ברכי־נפשי",
גמרא, תוספות — אַ פאַרבייס;
שבת איז ער זיך מחדש,
גייט דורך לומדות־וועג מיט פלייס.

ספרים זיינען בייטן־בלומען
אויף דעם יידנס לעבנס־וועג;
אָנגעזאַמלטע עשירות,
אוצרות — גאָר אַ גרויס פאַרמעג !

חכמה פלייצט פון די מסכתות,
געטלעכער דבורים־קוואַל:
די תנאים, אמוראים,
די מאמרים פון חז״ל.

די געצעלטן פון דער תורה
אָן אַ צאָל ! — אַ לאַבאַרינט;
ייד האָט אָבער היינט אין זינען
דרכי־חינוך פון אַ קינד.

מאַכט ער צו דעם דיקן ספר,
טראַכט פון תכלית, המשך־דור;
אַנט דעם פלאַטער פון סכנה —
תהום ווערט גרעסער יאָר צו יאָר.

קינדער לויפן אין מרחקים,
דער נסיון היינט — איז גרויס !
שטראָף ניט גאָט מיר פאַר מחשבה,
ווער ווי דו, מיין האַרץ עס וויס.

ווישט ער אָפּ דעם שווייס פון שטערן,
פאַרטיק איז ער מיט דעם טיי;
פרעגט אוואו די קינדער זיינען,
גייט אַרויס אַ זוך טאָן זיי.

ער, דאָס קליינוואַרג, די קונדסים,
אויף דער לאָנקע זיינען זיי:
שפּילן זיך אין אַ מלחמה,
אַ געטומל, אַ געשריי.

אָבער פּונקט אין ברעג אין רעכטן,
טראָגט אַ טאַטן אָן — דער ווינט;
שנעל צעלויפט די גאַנצע חברה,
יאָגן זיך אַ היים געשווינט.

מאַכן טומל און זיך שלאָגן
היינט — אום שבת! ווי און ווינד!
ס׳איז אַ גויאישע מלאכה —
ס׳פּאַסט ניט פאַר אַ יידיש־קינד.

ס׳וויל אַ טאַטע פון זיין יינגל
הערן היינט אַ „יידיש־וואָרט“;
צאָלט שכר־לימוד צו אַ רבין,
האָט ער כאָטש אַ פּעולה דאָרט?

אַז ער ענדיקט אים „פאַרהערן“,
און בנאַק האָט וואויל געערדט,
גיט ער אים אַ קניפּ אין בעקל
און אין האַרצן — אַ געבעט:

„טאַטע האַרציקער אין הימל,
כ׳גלויב דאָך, גאָט, אין דיר און האָף:
שענק מיין קינד געזונט און יאָרן,
ווער ער מירטשעם זיין אַ רב“.

ס׳איז דער חלום פון אַ יידן
וועמעס קיום און אויך תוך —
שנירלט זיך פון אונדזער עבר,
ציט זיך פון די אבות נאָך.

**
*

ס׳ווערט שוין שפּעטלעך, זון פון שבת
גייט אין מערב — צו איר רו;
זאָגט דעם טאַטן אָן אין פענצטער:
מנחה־דאַווענען! איל זיך צו.

טוט אָן טאַטע די קאַפּאָטע,
קילער ווערט פאַרנאַכט די לופט;
לאָזט די געסט און שמועס איבער,
בית־המדרש רופט אים, רופט,

גייט דער טאַטע דאַווגען מנחה,
ס'רעדט אַמאָל אַ מגיד דאָרט.
ווייל ער טאַקע קומען פריער,
הערן אויך פון דרוש אַ וואָרט.

ס'טרעפט אַמאָל קומט אָן אַ דרשן,
טאָן פון נביא אין זיין קול;
מוסרט, שטראָפט, ס'פאַלט אָן אַ פחד,
ער דערציטערט גאַנץ קהל.

רופט די זינדיקע צו תשובה,
קול פון שופר אין זיין שטים;
גאַנצער קוואַל פון מוסר־ספרים
שטראָמען אימפעטיק פון אים.

מאָלט אין מוראדיקע בילדער
גאָר דעם לעצטן יום־הדין;
ברענגט אַ משל צו באַווייזן
פון זיין דרוש דעם טיפן זין.

זעט מען ממש מיט די אויגן,
און מען הערט אין זיינע רייד,
צער און צאָרן פונעם נביא —
ס'וויינען הערצער שטילערהייט.

װעלכער מענטש איז דען ניט זינדיק,
חוץ אין װיגעלע אַ קינד?
נעמט מען אָן פאַר ליב זײַן מוסר,
ס'איז א תיקון פאַר די זינד.

נעמט מען אָן פאַר ליב זײַן שטרענקײַט,
יאָ, נחמה קומט דערנאָך;
זײַן „ובא לציון גואל" —
נעמט אַראָפּ דעם גלות־יאָך.

דער „ובא לציון גואל",
יידס באַגלײַטנדיקער טרוים:
שטראָף און טרײסט, זײ זײַנען בײדע
צװײַגן פון זײַן קיום־בוים.

האָפענונגען און חלומות,
שומרים אינעם גלות דאָ;
אמונהדיק די דורות שפּאַנען
צום „לעתיד לבוא־שעה" — — — —

***

אין אַ חדרל מיוחד,
אַ גאַנץ ליכטיקער און גראַם —
שטײען אַלמערס פול מיט ספרים,
פון אַ ש"ס ביז אַ רמב"ם.

אַ פּאָר טישן אינדערמיטן,
גמרות אָפּענע אויף זיי;
יידן לומדים לערנען תורה,
פון דער שטאָט די סאַמע פּני.

תקיף איז געווים דער נגיד,
אָבער יחסן מער פון אים
איז ר׳ הערשעלע דער סופר,
אָט דער ירא־אלקים.

היינט ר׳ יודעלע דער חסיד,
זיינס אַ פּשט — אַ קליניקייט!
יידן — לויטער כולו זכאי,
סאַי פּאַר גאָט און סאַי פּאַר לייט.

אין אַ חדרל מיוחד
קנייטשן שטערן זיך אין ש״ס;
אויגן גראָבן זיך אין תוספות,
יעדער איינער — אַ בר דעת.

שווימען אין דעם ים־התלמוד,
אין פּירושים־לאַבירינט,
טיף פאַרבאָרגענע חידושים
און מען ווערט אין זיי פאַרשפּינט.

טרעפט מען אָן אַ שווערע סוגיא,
דרייט מען פינגער הער און הין;
ביז ר׳ טעוועלע דער דיין
מאַכט זיי קלאָר דעם גאַנצן זין.

ברענגט זיי ראיות פון ראשונים,
פון מפרשים — דאָ און דאָרט.
אַזאַ חריף! קיין עין־הרע,
איז זיי מסביר יעדעם וואָרט.

אַזאַ מופלג! — טראַכטן לומדים,
איינער אפשר אין אַ דור;
ס׳איז ר׳ טעוועלע אַ זקן,
זיין געדאַנק — נאָך פריש און קלאָר.

אָט דערפאַר — דער דרך־ארץ
צו דעם למדן אַזוי גרויס!
אַ מעין־המתגבר —
קיינמאָל שעפּט ער זיך ניט אויס!

קומט אַהער, איר הלל, שמאי,
זעט וואָס איר האָט פאַרגעברייט;
דורות צענדליקע פאַרגאַנגען,
תורה־רינג — אַן אייביק קייט!

„יידן לומדים לערנען תורה,
פון דער שטאָט די סאַמע פּני“.

תורה! ———
ביחידות און בציבור,
יאָ, עס איז אַן אייביק קיום!
קוואַל פון ברכה און נחמה
וואָס לאָזט קיינמאָל זיין צעשיידט.

ווי די ליכט פון איין מנורה,
אַלע רערן ווי איין גוף —
איז דער ייד פאַרקניפּט אין לעבן,
טאַקע צוליב שבת־זכות.

פאָלק ישראל און דער שבת
מיט הקדוש ברוך הוא
זיינען וועלטס דריי־אייניקייטן,
זאָגט אַ תנא — ערגעץ־וואו.

שבת איז די גילה... עיקר
פונעם גאַנצן וועלט־באַשאַף.
איר צוליב האָט וועלט אַ קיום,
סודות׳דיקער תקיעת־כף.

***

אין בית־מדרש — בונד פון דורות,
גאָט אַליין האָט אויסגעשמידט.
יוגנט אָבער ווערט דערוויטערט —
זוכט אַ וועג אין פרעמדע טריט.

אין בית־מדרש גייט דער טאַטע,
יוגנט לאָזט אין פרעמד זיך גיין, —
ביידע מיט געהיימער שליחות,
יעדער — ניט פאַר זיך אַליין.

ביידע מיט לשמה־כוונות
פאַרן יחיד און פאַר כּלל;
ביידע מיט משיח־חלום,
יהי־אור — דער אידעאַל!

אין בית־מדרש זיצן יידן
אין אמונה — טיף פאַרטראַכט.
אויסן שטעטל זיצט אַ יוגנט,
נייער חלום — אויפגעוואַכט.

יוגנט איז אַ דור אַ נייער,
פונעם אַלטן — אָפּגעשיידט;
אין בית־מדרש — גאָטס ישועה,
אויפן פעלד — פון קאַמף די רייד.

נאָר „שעבייסצונאַכט" ווערט יוגנט
ווי דער אַלטער דור פאַרקלערט;
ס'איז די גלות־מעלאַנכאָליע
וואָס דעם יידן איז באַשערט.

פאַלן שאָטנס, און אָן אומעט
טראָגט זיך אויף די פעלדער אָן;
נאַדסאָנס ליד באַקומט אַ תיקון
אין דעם יידישלעכן טאָן.

הערט אין ניגון ווי עס זיפצן
נאַדסאָן, פּושקין, לערמאָנטאָוו;
וויינען אויף דעם צער פון וועלטן,
אויך זיי טרייסטן: גלויב און האָף!

הייסע טענער, וויפיל בענקשאַפט
זיפצט אַרויס פון יעדן קלאַנג:
ליבע, פרייהייט, צער פון וועלטן,
כשופדיקער לעבנס־דראַנג.

יידיש שוואַרצע אויגן בליצן,
הערצער גייען אַ קאַדריל;
יוגנט זינגט פון קאַמף און ליבע,
מיט נשמה, מיט געפיל.

דאַכט זיך, אַז דער תהילים־ניגון
וויינט אַרויס פון זייער ליד:
אין בית־מדרש, אויף די פעלדער,
אומעטום דער זעלבער ייד — — —

**
*

אין בית־מדרש, באַלד נאָך מנחה,
בלייבן יידן אויס — אַ צאָל;
זעצן זיך אַרום די טישן,
זאָגן תהלים אויפן קול.

אָט דער „אשרי תמימי דרך"
קומט פון הערצער טריב אַרויס;
אָט דער ניגון פול מיט טרויער,
רייסט אַדורך די לופט אין קלויז:

„וואויל צו די, אָ, וועלכע גלויבן,
טרעטן אויס אַן אמת־וועג;
וועלכע גייען אין גאָטס דרכים
בכל לב — אין אַלע טעג.

„ווי קאָן איך אַ מאַן אַ יונגער
אָפּהיטן דיין גאַנץ באַפעל?
כ'בעט צו דיר פון טיפן האַרצן —
גאָט! האַלט ריין מיין יונגע זעל.

„ס'בעט דיין קנעכט דיך: שענק מיר כוח
אָפּצוהיטן דיין געבאָט.
עפן אויף די אויגן מיינע,
זען די וואונדער דיינע, גאָט!

„ניט באַהאַלט די מצוות דיינע,
אויף דער ערד בין איך אַ גר;
מיין נשמה איז צעבראָכן,
שענק געדעכטן גנאָד־באַגער.

„מאַך מיר קלאָר געבאָטן דיינע,
כ׳וועל זיי היטן ביזן סוף;
מאַך דיין תורה מיר פאַרשטענדלעך,
פונעם אלף ביזן תו.

„פאַלן זאָל אויף מיר דיין חסד
וואו איך בין, אויף יעדן אָרט;
מיינע לעסטערער פאַרשטומען
מיט דיין וואונדערלעכן וואָרט.

„האָסט מיך מיט דיין האַנט געפורעמט,
ווער ניט, גאָט, פון מיר פאַרפרעמדט;
כ׳לעב אין זכות פון דיינע מצוות,
זאָל מיין שונא זיין פאַרשעמט.

„אייביק שטייט דיין וואָרט אין הימל,
אייביק ווי די זון — עס שיינט;
ביסט פאַרפעסטיקט לדור־דורות,
דיינע מעשים זעט מען היינט.

„וואונדער! תורה־קדושה דיינע,
ס׳האָט מיין זעל זי אָפּגעהיט;
דיינע ווערטער, זיי באַגלייטן
אויף די וועגן מיינע טריט.

„זאָל מיין זמר צו דיר קומען,
היט מיר אויס פון שאַנד און שפּאָט;
ווי אַ שאָף בין איך פאַרלוירן,
זיי אַ פּאַסטוך מיר, אָ, גאָט!"

*

אַרום טישן זיצן יידן
האָרעפּאַשנער רעזערוואַר;
תורה איז אַ שווערער ענין,
איז דער תהלים — זייער שכר.

אויב בא איינעם הינקט די עברי,
שווער אַמאָל אַ וואָרט פאַרשטיין, —
איז כוונה אים מכפּר,
גאָט אין הימל ווייסט זיין מיין.

אַנדערע, פאַר מעריב, כאַפּן
אין „פּאָליטיקע" אַ בליק:
ברענגען סברות פון גאַזעטן,
בויען פון פּאַפּיר — אַ בריק.

איינער ווערט אַ גאַנצער נביא,
מומחה אין אַ יעדן פאַך:
בינדט צעזאַמען ראשי־תיבות,
ווייזט רמזים אין תנ״ך.

מיט אַ פּשטל אויף אַ פּסוק
ווייזט ער מיטן פינגער אָן:
גוג ומגוג נעמט אַיין וועלטן,
ס׳טראָגט משיח גאולה־פאָן.

דאָס געפעלט שוין דווקא, יידן,
גאולה — ס׳איז אַ כשוּת־וואָרט;
גיט אַ ייד אַ שמעק דעם טאַבעק,
גיט אַ שמייכל אין דער באָרד.

***

זיצט אַ ייד בא שלש־סעודת,
שאָטנס פאַלן אויף זיין שוועל;
שכינה פליט צוריק אין הימל,
ס׳קלייבט זיך צער אַריין אין זעל.

שכינה פליט צוריק אין הימל,
אוים דער שבת, ווידער — חול;
זינגט אַ ייד אוים לעצטע זמירות
מיט אַ ציטערדיקן קול.

מיט „אתקינו סעודתא“
זעגנט זיך דער ייד איצט אָפּ
מיט דער הייליקייט פון שבת, —
ס'לאָזט זיך שוין די וואָך אַראָפּ.

קאַלטער צימעס און „פּיסנאָגע“
און אַ נעכטיק שטיקל פיש;
ס'האָט שוין ניט דעם טעם, דעם עונג,
וואָכעדיק ווערט שבת־טיש.

שעה אין שקיעה, קאָפּ אין עצבות,
נעכטן ערשט — אַזוי פיל ליכט;
שבת־פרייד ווערט אויסגערונען,
זעט, די וואָך דורך פענצטער קריכט.

דאָך, אויף שוועל פון שבת־שקיעה,
שטייט דער שומר זיינער גרייט:
עתיק־יומין לייכט דעם וועג אים, —
וואו ער וואַנדערט, וואו ער גייט — — —

**
*

„אתה אחד ושמך אחד,
ומי כעמך ישראל:
איינציק דו און אויך דיין נאָמען,
איינציק פאָלק — דיין ליב־דערוויילט.

„לוסטיק איז אברהם אבינו,
יצחק זינגט זיך אַ געזאַנג;
יעקב מיט די קינדער זיינע
רוען אין צוזאַמענהאַנג.

„אתה אחד — דו ביסט איינער,
ווי דיין נאָמען — איינציק איז — — — “
ס'פלאַטערט טרויעריק אַ ניגון,
ס'גיט פון האַרץ אַ זיפץ אַ ריס.

ס'האָט זיך איצט צעוויינט די שכינה,
טרויעריק ווי יידנס גזר;
מיט דער שכינה, גלייך צעזאַמען,
וויינט זיין גורלדיקער צער.

„אתה אחד“ — ס'וויינט אַ ניגון,
תפילהדיק עס מאָנט, עס בעט:
„תפארת גדולה, יום מנוחה“ —
גיט אים מאַמעדיק אַ גלעט.

מנוחה שלמה — פאַר דיר, וואָגלער,
איין און איינציק פולער טרייסט;
איין און איינציק שטראַל אין שקיעה,
איינציק שומר — וואו דו גייסט — —

שעה אין שקיעה, קאָפּ אין עצבות,
לעבסטו דיין לעבן ניט אומזיסט:
גאָט אין הימל איז דיין פאָטער —
זיי געהייליקט, זיי געגריסט!

גאָט אין הימל איז זיין פאַסטוך,
ס׳קוואַלט נחמה אין זיין בליק;
איצטער קלינגט דער תהלים־ניגון
פרום־באַהויכט, בטחונדיק:

„גם כי אלך בגי צלמות,
בין איך זיכער מיט מיין טראָט!
וואַקלט זיך דער באָדן מיינער, —
רוף איך דיך צו הילף, מיין גאָט!

„כאָטש איך גיי אין טאָל פון שאָטן,
ביסטו אויך מיט מיר די שעה;
דו, כביכול, ביסט מיין שומר,
יאָ, דערפאַר — לא אירא רע!“

תהלים־קלאַנג באַגלייט דעם שבת
צו דער וואָכיק מעריב־שוועל;
תהלים־וואָרט אין שעה פון שקיעה,
טרייסט די אבלדיקע זעל. —

„גם כי אלך בגי צלמות,
אויך דאַן זיכער איז מיין טראָט“.
ייד מוז לעבן מיט בטחון,
מיט דעם גלויבן אין דיר, גאָט !

**
*

ס׳קריכט די וואָך אַריין דורך פענצטער
צו דעם יידן אין רשות;
זיין נשמה, די יתירה
טוט זיך אוים פון איר מהות.

**
*

שלייכט אַ ייד זיך צום בית־מדרש,
ווי אַן אבל — שטום, פאַרטראַכט:
וואָכעדיקע זאָרג אין האַרצן,
אומעטיקע שבת־נאַכט.

זון פון שבת זינקט אַרונטער,
ווי אַן חשק — זי פאַרגייט;
שקיעהדיקע גינגאָלד־פלאַמען,
בלוט און גאָלד, רויט, רויזיק־רויט.

פונעם פעלד — ווי שטומע שאָטנס
קערט זיך יוגנט אום אַהיים.
אויפן פעלד דאָרט איז געבליבן
זייער כשופדיקער טרוים — — —

**
*

ס׳ווינט אין שטוב דער צער און טרויער,
ערגעץ גרילט אַ גריל זיך אויס.
שטראַל דער לעצטער פונעם שבת
דורכן פענצטער פליט אַרויס.

און די מאַמע — נעבן פענצטער,
ווי אַ שאָטן — איינזאַם, שטום,
זיצט ווי אײַנגעהילט אין טרויער,
ס׳נעמט די וואָך זי אָט אַרום.

אַ פאַרבענקטע, אַ פאַרקלערטע,
ווי אין חלום — שטיל, אַליין.
וואָך אַ גאַנצע — שטויב און שימל,
דאַרף דער שבת איצט פאַרגיין.

קינדערלעך — צעניפּגעקלאַמערט
אין אַ ווינקל, אויפן דיל:
אויך אויף זיי פאַלט אָן דער אומעט,
הערצלאַך קלאַפּן אין דער שטיל.

אויגלאַך גלאַנצן אין דער פינצטער,
שפּיגלט זיך אין זיי דער שרעק:
קינדער־קעפּעלעך מיט זאָרגן
וואָס דער שבת גייט אַוועק.

ס׳ווערן פענצטער מערער פינצטער,
פינצטער ווערן דיל און ווענט;
מאַמע זעגנט זיך מיט שבת,
נעצט מיט שויבן־טוי — די הענט.

איצטער זעט זי: שבת גוסטעט,
חול־לבוש טוט שכינה אָן:
„גאָט פון אברהם, יצחק, יעקב“ —
מאַמעלעס סקאַרבאָווער טאָן.

אַזאַ גלויביקייט אין ניגון,
האָפענונג געמישט מיט שרעק:
„גאָט דו ליבער פון די אָבות,
שבת־קודש גייט אַוועק.

„ס׳גייט אַוועק דער שבת־קודש,
זאָל די וואָך און אַלע טעג
און פון יאָר די צוועלף חדשים
ברענגען פרייד אויף אונדזער וועג.

„מיט דער גאַנצער מזל־ברכה,
בשורות־טובות אָן אַ שיעור;
גאָט, באַהיט דיין פאָלק ישראל,
ער האָט האָפענונג אין דיר.

„ווער איז דען פון אַלע פעלקער
מיט זיין ביטערן געמיט,
מיט זיין צער און עגמות־נפש —
מער דערשלאָגן ווי דער ייד?

„האָסט אונדז, גאָט, געגעבן כוח,
פיל געדולד אין צער און פיין;
שיק דעם נביא אליהו
אויף אַ גוטער וואָך אַריין.

„זאָל משיח קומען שנעלער,
מיט דיין ווילן — היינטיקס יאָר;
זאָל שוין זיין אַ סוף צום גלות,
זאָל דער חלום ווערן וואָר.

„זאָל די נייע וואָך אונדז קומען
מיט הצלחה און מיט גליק;
טו ניט אָפּ פון אונדז דיין חסד,
קער ניט אָפּ דיין רחמים־בליק.

„יהי רצון מלפניך,
נעם גאָט אויף מיין אָרים לויב“.
און זי ענדיקט אָפּ מיט „אמן“,
ווי אַ שטיל באַרוטע טויב.

אָ, דאָס בעטן פון אַ מאַמען
פאַר אַ הויזגעזינד, פאַר כּלל,
איז בא שקיעה — א נחמה
און פאַר וואָך — אַ העלער שטראַל.

***

אין בית־מדרש, נאָכן תהלים;
יאָר־צייט לעמפּל צאַנקט שוין אוים.
יאָ, שוין צייט צו דאַוונען מעריב,
זעט, אַ שטערן איז אַרוים.

אויפן הימל שיינט אַ שטערן
און אַ צווייטער בליצט אים נאָך;
איצטער זעגנט זיך דער שבּת
אויף אַ פולער, גוטער וואָך.

שטעלט זיך עולם דאַוונען מעריב,
סוף פון קודש — אָנהייב חול;
טעמפּיק קלינגט דער „והוא רחום"
פון אַ הייזעריקן קול.

„והוא רחום . . . ולא ישחית" —
ס'טריפט פון אויג אַרוים אַ טרער;
ס'קרעכצן טענער אין זיין האַרצן,
ווי מעטאַל זיי פאַלן שווער.

עולם — שטיל, ווי שטומע שאָטנס,
ווי פאַרלוירן — אימהדיק;
אָט געווען אין גן־עדן,
אָט אין גהינום שוין צוריק.

טריב און טרויעריק דער מעריב,
אַ בעל־תפילה? — ווער עס וויל;
באַ „שמענעסרע“ קאָן מען הערן
שבת אויסגיין אין דער שטיל.

ווערט אַ ייד מיט צער באַלאָדן:
גלות, פּראַצע, שווערער יאָך;
נאָר ער האָפט, אַז גאָט וועט שיינקען
כּלל און אים — אַ גוטע וואָך.

„במוצאי יום מנוחה“
גיט אַ בליץ אים אין דער שעה;
גאָט וועט דאָך אים ניט פאַרלאָזן:
„טאַטעניו — הושיעה נאָ ! “

אָפּגעדראַוונט איז דער מעריב,
אָפּגעזאָגט דעם קדיש אויך;
ס'איז דער שבת אויסגערונען,
אויסגעגאַנגען ווי אַ רויך.

שטייט ר׳ אבעלע דער שמש,
זאָל אים תמיד גרינג דאָס זיין;
האַלט אין האַנט דאָס זילבער־רערל,
מיט דעם כוס — הבדלה־וויין.

„הנה אל ישועתי אבטח,
כי עזי וזמרת יה;
שיק דיין פאָלק שוין אַ ישועה
אויף דער שוועל פון שבת־שעה“.

מאַכט די ברכות פון הבדלה,
אויפן האַרצן איז אים שווער;
פון די אויגן — טיף־באַצערטע,
קייקלט זיך אַראָפּ אַ טרער.

פאַלט דער טרער אַריין אין בעכער,
מישט זיך מיטן וויין עס אויס.
טריב — דער „בורא פרי־הגפן“
רייסט זיך פון זיין האַרץ אַרויס.

נעמט ער אָן דאָס זילבער־רערל,
האַלט עס פאַרזיכטיק, ביים ברעג;
נאָך דעם „בורא מיני בשמים“,
גיט ער עס אַ שטאַרקן שמעק.

יאָ, ס׳איז זיס דער בשמים־ריח?
שמעק, ר׳ אבא, זאַפּ אים אײַן!
לעבן אויך, איז ווי דאָס ליכטל, —
שימער פון הבדלה־ווײַן.

ווי דאָס ליכטל פון הבדלה,
ערשט געצונדן, ערשט געברענט,
און אַט לעשט זיך עס און גוססעט,
ווערט צעגאַנגען אין די הענט.

פון „האש“ מאַכט ער די ברכה,
וואַקסן־ליכטל פלאַקערט, ברענט;
טראָגט צו נאָנט צום פלאַם פון ליכטל
זײַנע בײדע דאַרע הענט.

דײַנע שמש־הענט, ר׳ אבא —
הויט און בײנער, פאַרמעט־פלײש:
יאָ, זײ זײַנען כשר, רײנע,
מאַך די ברכה פון „האש“.

***

שוין אַוועק דער טאָג פון שבת,
דער בית־מדרש בלײַבט אַלײן.
אָפּגעטאָן האָט זיך די שכינה,
אָפּגעקערט האָט זיך דער חן.

גייט דער ייד אַ היים, פאַרדאגהט,
אויף די פּלייצעס זיינע — יאָך;
נאָר בטחון גיט אַ צאַפּל
ווען ער זאָגט: — „אַ גוטע וואָך!"

„זמירות למוצאי שבת"
זינגט דער טאַטע, — האָפּערדיק!
ליכטיקן זיך אויגן זיינע,
שטראַלט אמונה אין זיין בליק: —

„זאָגט דער גרויסער גאָט צו יעקב:
האָב קיין מורא ניט, מיין קינד!
ביסט בא מיר דער אויסדערוויילטער,
האָסט עס כשר, ריין פאַרדינט.

„איך וועל תמיד זיין דיין שומר,
דו נאָר היט מיין תורה אָפּ;
אויסדערוויילטער פון די פעלקער,
הויב מיט שטאָלץ אַרויף דיין קאָפּ.

„מיך דערגרייכן דיינע תפילות,
יעקב — איך דערקאָן דיין קול;
ביסט אַ בוים מיט טיפע וואָרצלען,
וועסט זיין שטאַרקער ווי אַמאָל.

„האָב קיין מורא ניט פאַר שונאים,
כ׳וועל דיר תמיד שטיין דערביי;
איך בין „אהיה אשר אהיה״,
און מיין שבועה — בלייב איך טריי!“

וואָרט פון הייליקער הבטחה,
וואָרט וואָס טרייסט אין צער און פיין:
„גאָט, איך וועל דיר אייביק דינען,
ביזן קבר טריי דיר זיין!“

***

„אָ, דו נביא אליהו,
דו, פון תשבי, — מופת־מאַן;
וואַנדערסט אום אין אַלע לענדער
וואו אַ ייד איז נאָר פאַראַן.

„ביסט דער טרעגער פון בטחון
אין דער שעה פון פיין און צער;
צאַמסט די וועגן פונעם שונא
ווען ער האָגלט מיט געפאַר.

„בעל־מבשר דו, גלעדי,
אויסלייזער פון בייזן גזר;
ס׳גיסט דער בעכער זיך אַריבער
פונעם דורותדיקן צער.

„גיב אַ בלאָז דיין תקיעה־גדולה,
ברענג גאולה אויף דער וועלט;
מענטש ניט וויסן זאָל פון שנאה,
זאָל מיט שבת זיין באַזעלט!"

***

„פרינץ" פון שבת מאַכט הבדלה,
די „פרינצעסין" הערט זיך איין:
כוס של ברכה גיט זיי גלויבן,
אַז אַ גוטע וואָך וועט זיין!

זינגט דער טאַטע דעם „המבדיל",
ס'קלינגט נצחון אין זיין שטים!
יאָרן צענדליקער מיט דורות
זינגען איצטער מיט — מיט אים:

„גאָט, דו וועלכער טיילסט פאַנאַנדער
וואָכיקייט און הייליק־פּראַכט —
זיי זשע, גאָט, די זינד אונדז מוחל
אין דער שעה פון שבת־נאַכט.

„זינגט־זשע ייִדן, אַל־צוזאַמען,
האָפערדיק! „אַ גוטע וואָך!"
עונג־שבת העלפט אונדז טראָגן
פונעם גלות — שווערן יאָך.

„טאָג פאַרגייט ווי לייכטע שאָטנס,
כ'רוף דיך, גאָט, אויף אונדז גיב אַכט!
און אַן ענטפער קומט פון שומר:
טאָג קומט תמיד נאָך דער נאַכט!

„זינגט־זשע, יידן, אַל־צעזאַמען,
האָפּערדיק! „אַ גוטע וואָך!"
אויסגעברענטע ליכט פון שבת
צאַנקען טיף אין האַרצן נאָך.

„פונעם העכסטן באַרג נאָך העכער,
איז דיין ליבשאַפט — ריין און זאַכט;
זינד פאַרשווינדן ווי דער נעכטן,
ווי די שקיעה — אין דער נאַכט.

„זינגט־זשע, יידן, אַל־צעזאַמען,
האָפּערדיק! „אַ גוטע וואָך!
שבת־מלכה היט דעם יידן
פון פאַרלינדונג, אומגליק, בראָך.

„ווי דאָס לײם אין האַנט פון טעפער,
זיינען מיר אין בורא'ס מאַכט:
יום ליום יביע אומר —
גאַנץ באַשאַף דערציילט דיין פּראַכט!

„זינגט־זשע, יידן, אַל־צעזאַמען,
האָפּערדיק ! „אַ גוטע וואָך ! “
באַלד וועט ווידער שבת קומען,
ס׳פלאַטערט שוין איר פליגל־פּאָך ! “

***

ווען עס גייט אַוועק דער שבת,
ווערט אויך ספר צוגעמאַכט.
שווער צו לערנען איבערוואַכן:
קאָפּ — פאַרנומען, זעל — פאַרשמאַכט.

קאָפּ פון ייד אין עול־פּרנסה,
שטרויכלונגען אין וועג צעשטעלט;
ווי וואָלט אים געווען דאָס לעבן,
ווען דער שבת וואָלט געפעלט?

שבת איז זיין פריינט און גואל,
שבת ווערט ער אויסגעלייזט
פון די ימים — שרעק און ליידן,
שבת איז זיין גרעסטע טרייסט !

דורות פריער, דור פון איצטער,
אַלע — ווי אין איין געמיט:
גלויבן, האָפענונג, חלומות,
אָט אַזוי אָ — לעבט אַ ייד !

„מלוה־מלכה״ . . . שוין נאָך אַלעם:
יידעלעך — אַ גוטע וואָך !
מער קיין סימן ניט פון שבת,
ווידער אינעם שפּאַן, אין יאָך.

***

גייט טוט אוים די שבת־בגדים,
גייט און עפנט קראָמען אויף;
לעבן מאָנט פון אַייך אַ חלק,
גייט באַצאָלט איצט אַייער חוב.

לעבן בויגט דעם גוף אַרונטער,
קיינעם זעטיקט עס ניט זאַט;
שווער דער יאָך פון יעדן מענטשן
און דעם יידנס גאָר בפרט.

קיינעם קעכלט ניט דאָס לעבן,
קיינער קריגט ניט פולע מאָס —
חוץ דער ייד; אָ, אים עס קאַרגט ניט,
גיט אים צער — אַ פולן כוס.

ייד ווערט ווי אַ שטויב צעבלאָזן
אין זעקס וואָכעדיקע טעג:
בא דעם „וואַרשטאַט״, און אין מסחר,
תמיד — אַ סכנה־וועג.

באַ דעם „וואַרשטאַט“, צי אין מסחר,
אַרבעט, האַנדלט און — מיט גליק!
זאָל אײַך גרינג זײַן עול פּרנסה,
ביז דער שבת קומט צוריק — — — —

***

ערגעץ — אויף אַ וועג, אין נעפּל,
איינזאַם, הפקר, אָן אַ היים;
ווײַט פון אייגן גבול און באָדן,
גייט אַ גייער — שטיל, געהיים.

בלאָנדזשעט אום אויף אַלע שליאַכן,
ווײַט פון מענטשן — אויף גאָטס גנאָד;
אומעטום די טריט געלאָזן,
גורל זײַנער — נע ונד.

באַ די וואַסערן פון בבל,
באַ די צעזאַרן — אין רוים;
אין די הענט פון ווילדע רוצחים —
מיטלאַלטערלעכער תהום.

אינעם צלם־לאַנד, אין שפּאַניען,
מיט דער שאַנד פון בלבול־סם;
רויב, הריגות, בלוט און טרערן,
אָנצעפּילן פול אַ ים.

ווער קאָן ציילן אַלע גזירות,
אַלע וועגן פֿון געפֿאַר;
ווער האָט מער ווי ער געטרונקען
בעכערס פֿול — מיט פּיין און צער?

זאָגט! ווער גיט אים אָט די גבורה
אייביק וואַנדערן — אָן רו?
וועלכער גלויבן, וועלכער חלום,
שמידט אים צו דעם לעבן צו?

וויפֿיל דינים און מנהגים
האָט געביטן ער — אין צייט?
אויסגערעדט שוין אַלע שפּראַכן
און געקליידט זיך — ווי בײַ לײַט.

אַראַמייאיש און לאַדינאָ,
רוסיש, פּויליש און פֿראַנצויז;
אַלע זיבעציק לשונות
לערנט ער אין וועג זיך אויס.

נאָר איין לשון איז אים הייליק,
לשון־תּורה — גאָטס־געבאָט!
און דער יום־השבת־קודש —
איז דער צווייטער נס און סוד.

בײדע קניפּן אים צום עבר,
רינגען צװײ — פון אָבות־קײט.
„יום שבתון, יום־מחמדים“ —
האָט אים אומעטום באַגלײט.

„יום שבתון, יום מחמדים“
ליכטיקט יעקבס שײן געצעלט!
װאָרום איז דעם װאָס האָט דעם גלױבן
און מיט שבת — איז באַזעלט!

װאָרום איז דעם װאָס האָט דעם גלױבן,
ער װעט תמיד זײן באַזעלט
מיט דער הײליקײט פון לעבן,
מיט אָט דער און — יענער װעלט.

אים איז שבת מער װי חלום,
מערער װי אַ יוגנט־טרױם:
שבת איז — זײן ליכט אין לעבן,
װי די זון פאַר פלאַנץ און בױם.

נאָר פאַר די, די אָפּגעפרעמדטע
פונעם אַלטן פרומען דור —
בלײבט דער שבת װי אַ חלום
פון די װײַטע קינדער־יאָר.

אָ, ווי ליב ווערט אָט דער חלום,
ווען די עלטער ווערט דערנענט,
ס'קומט צו גאַסט אָט יענער שבת,
צערטלט, גלעט — ווי מאַמע־הענט.

ס'קומט צו גאַסט אָט יענער שבת,
ווי אַ ליבער גוטער פריינט;
ער קומט דורותדיק דערזעלבער,
אַנדערש שוין — דער דור פון היינט.

***

ווען דער שבת ווידער קומען
מיט זיין צויבער פון אַמאָל?
„וואו דיין יוגנט — דאָרט דער שבת"
ווײַנט אַרויס פון האַרץ — אַ קול.

וואו די יוגנט — דאָרט דער שבת,
ביידע זיינען שוין ניטאָ;
ס'איז געבליבן — ווייט אַ חלום,
רעשטלעך פון אַ חיי־שעה.

***

ווי אַ שטויב פון ווינט פאַרטראָגן,
ווי אַ ערשטע ליבע־פרייד
איז דער שבת אויסגערונען,
און דאָס לעבן — גרוי פאַרגייט.

יאָרן — בלומען אָפּגעוועלקטע
און ווי אָסיען־בלעטלעך — געל;
אויפן קבר פון אַ חלום
וויינט מיין אבלדיקע זעל.

אוים דער תענוג פונעם שבת,
אוים די פרייד פון יוגנט־טעג,
און דאָס לעבן — ווי אַ יתום,
גייט פון מיר פאַרשעמט אַוועק.

אָ, איר ווייטע קינדער־יאָרן,
אָ, דו, שבת — לויטערער!
איצט איז מיר פון אייך געבליבן
בלויז אַ חלום און — ניט מער — — —

***

שיינער חלום פון מיין יוגנט,
גאָטס געשאַנק פון פרייד און גליק!
ווען איך טראַכט פון דיר, אָ, שבת!
ווער איך ווי אַ קינד צוריק — — —

סוף



**
*

לזכרון די העלדישע קדושים, די פיאָנערן און די המשך־בויער פון ישראל

●

כ׳האָב אויסגעזונגען איצט דאָס ליד פון דורותדיקן שבת,
דאָס ניט אויסגעזונגענע — וויינט בענקנדיק — נשמה אויס;
טיפסטע בענקשאַפטן פון הארצן — קדושהדיק און גרויס,
גרעסער פון די אַלע עולם הזהס, אַל פון עולם הבאס.

ס׳וועט דאָס ליד ניט בלייבן בלויז ווי אַ מצבה, ווי אַ ווייטער חלום,
דורות נייע וועלן קומען און דעם המשך ממשיך זיין:
אַנהויב פון אַ נייעם ניגון, חלום פון אַ מאָרגן, בלענדיק ווי דער קידוש־ווייַן,
שאַלט דער דורותדיקער קול אין מזרח איצט — „עליכם שלום!״

מאַמע מיינע, אויב אין שבת־ליד, כ׳האָב אנדענק דיינס געאייביקט,
ווייס איך אָבער ווי דו האָסט געוואָלט, אַז יידיש־לעבן שוימען זאָל,
ניט אויסגעוועפּט זאָל ווערן יידיש־תוכן, כלי זיינס ניט אויסגעליידיקט.

„וחי בהם״ זאָל ווייטער דונערן און בליצן הר סיניַדיק אַט ווי אַמאָל,
זאָל דער אָנדענק פון די וואונדערלעכע המשך־בויער, זיין געהייליקט,
ליכטער־לויטער, ליכטיקן נצחונדיק ס׳לעבן אונדזערס ווי אַן אָרעאָל!

עס ווערט איצט צוגעגרייט צום דרוק פון
זעלבן מחבר „אין קעניגרייך פון דורות“
(סאָנעטן וועגן דענקער און דיכטער) אין 2
בענדער און אַ באַנד סאָנעטן און לידער
אונטערן נאָמען „לאַמענטאַציעס פון
אַטאַנאַשיוס פּערנאַט“.